STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03975

MOMENT-FOTOGRAFYES

Mordecai Spector

Permanent preservation of this book was made possible
by Alex Singer
in honor of
his daughter, Ellen Singer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאמענט פאטאגראפיעס

פון

מ. ספעקטאר.





פרייז 35 קאפ.

פערלאג א. גיטלין בוכהאנדלונג.
ווארשא, נאלעווקי (איוואנאווסקי באזאר .1 №)

מאָמענט-
פאָטאָגראַפיען.

(ווי אזוי שרייבען יודישע שריפטשטעלער?).

פון

מ. ספעקטאָר

פערלאג א. גיטלין, בוכהאנדלונג

ווארשא, נאלעווקי איוואנאווסקי באזאר № 1

Типографія «Гацефира» Панская 40

אינהאַלט:

אַבראַמאָוויטש ש. י. (מענדעלע מוכר ספרים).	5
אחד העם (אָשר גינזבורג).	9
אַש, שלום	13
ביאַליק, ח. נ.	17
בן עמי (ראַבינאָוויטש).	21
דינעסאָהן, יעקב	23
ווינטשעווסקי, מאָרים	69
לילענבלום, משה ליב	27
ליעסין, אברהם	77
נאָמבערג, ה. ד.	33
סאָקאָלאָוו, נ.	37
ספעקטאָר, מ.	41
פינסקי, דוד	65
פרוג, ש.	45
פרישמאַן, דוד	49
פרץ, י. ל.	53
ציימלין, הלל	57
רייזען, אברהם	59
שלום עליכם.	61

קליינע הקדמה.

חאראקטעריזירען דעם פראצעס פון שרייבען ביי בעוואוסטע שריפטשטעלער איז איינע פון די שווערסטע אויפגאבען, ווייל מען מוז גוט זיין בעקאנט מיט דער נאטור פון שריפטשטעלער, זיין לעבען און דערהויפט, ווי אזוי האט דאס לעבען געווירקט אויף דעם חאראקטער און אויפפיהרונג פון דער פערזאן, און דעריבער איז כמעט אונמעגליך איבערצוגעבען איננאנצען ריכטיג די חאראקטער-שטריכען.

די ארבייט, וואס מיר לעגען דא פאר, קאן ניט האבען קיין פרעטענזיעס אויף א פאלקאמענע חאראקטעריסטיק פון אונזערע בעוואוסטע שריפטשטעלער בעת דעם פראצעס פון זייער שאפען.

די דאזיגע ארבייט איז מעהר ניט ווי מאמענט-פאטאגראפיעס: אמאל — מעהר שאטען, אמאל — מעהר ליכט, א ביסעל איבערגעזאלצען, א ביסעל ניט דערזאלצען, אבער דאך מעהר אדער ווייניגער עהנליכע בילדער, ווי עס קומען געוועהנליך ארויס בילדער פון מאמענט-פאטאגראפיעס.

און מיר גלויבען, אז אלעס, וואס האט א שייכות צו אונזערע בעוואוסטע שריפטשטעלער, האט א גרויסען אינטערעס פאר די יודישע לעזער.

אין דער ארבייט פון דעם ביכעל האבען אויך אנטייל גענומען די שריפטשטעלר ה"ה א. ריקלים און פ. ק. שנעפאל פון ניו-יארק.

מ. ספעקטאר.

אַבראַמאָוויטש שלום יעקב.

(מענדעלע מוכר־ספרים).

הויך און שלאַנק געוואַקסען מיט זילבערנע האָר אויף דעם קאָפּ און אין דער באָרד — קוקט ער אויף גאָט'ס וועלט מיט גוטע און קלוגע אויגען.

איהר מעגט זיין מיט איהם ווייניג באַקאַנט, איהר מעגט איהם זעהען דאָס ערשטע מאָל, וועט איהר האָבען גרויס נחת, ווען אייך קומט אוים צו רעדען מיט איהם.

יעדעס וואָרט זיינס טראָגט אַריין אין יעדען האַרץ ליעבשאַפט און וואַרעמקייט.

די אַלע אָנהויב־שרייבערלעך מיט די פּעק כתב־יד'ן און די „פערעהרער", וועלכע האָבען פיעל צייט צו רעדען, און אום אַלעס צו וויסען קאָנען זיי פערמוטשען דעם געדולדיגסטען מענשען, די אַלע געפינען ביי מענדעלי מוכר ספרים גענוג צייט, ער זאָל זיי אויסהערען און צופריעדען שטעלען אַזוי, אַז אַלע געהען אַוועק מלא גדולה פון „רעדען" מיט „מענדעלי מוכר ספרים".

דער טרויעריגסטער פערצרות'דיגער יוד פול מיט „פעקלעך", ווי ער זאָל ניט זיין דערשלאָגען און ביי זיך אראָב געפאַלען, מאַכט אויף איהם מענדעלים רעד אַזאַ איינדרוק, אַז ער געהט אַוועק פרעהליך „יאָדערדיג" און פיהלט זיך, אַז ער איז אויך אַ שטיקעל מענש און אַז ס'איז נאָך ניט עק וועלט.

אָט אַזאַ גבורה ליעגט אין ר' מענדעלים רעדען און בענעהמען־זיך מיט מענשען!

דערהויפט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ווידמעט ער זיין צייט פאַר די „וואָס האַלטען אַפּען אין דער האַנד" (ער מעג זיין בעוואוסט אָדער גאָר אַנ'אָנהויבער) און פאַר די ליעבהאָבער פון ליטעראַטור.

זיי „דערוואַרעמט" ער און צווישען זיי פיהלט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער.

ר' מענדעלי איז פון די געצעהלטע יודישע שריפטשטעלער, וואָס וואָהנען אין גרויסע צימער...

ער האָט ניט ליעב קיין צימער מיט אַ סך אָנגעשטעלט מעבעל, אָדער ווי ער רופט אַן אַזעלכע צימער „סקלאַדען פון מעבעל" ער האָט אומעטום ליעב די פרייהייט.

שעה'ן לאַנג האָט ער ליעב איינער אַליין צו שפּאַצירען איבער דעם זאַל הין און צוריק און דערהויבט אין די טעג ווען ער האָט פערטראַכט „זיך זעצען" עפּעס אָנשרייבען...

נאָהענטע בעקאַנטע — ווען ער ברויכט מיט זיי רעדען — האָט ער ליעב נעהמען געאַרעמט און צוזאַמען מיט זיי שפּאַצירען איבער דעם זאַל, ביז ער ענדיגט ניט דאָס געשפּרעך.

און אין דעם לעדיגען זאַל רופען זיך אָב זיינע ווערטער, קלינגענדיג און הילעכדיג און אין דער דאָזיגער זאַל ווערט פול מיט לעבען און עס וועיזט זיך אויס, אַז עס רעדען און פיהרען אינטערעסאַנטע שמועסען אַ סך מענשען.

ווען ר' מענדעלי געהט זיך „זעצען שרייבען" מאַכט ער הכנות ווי צו אַ הייליגער אַרבייט...

אויף דעם טיש, וואו ר' מענדעלי זעצט זיך שרייבען,

מוז זיך געפינען אַ מדרש, אַ שס'ל און אַ תנך'ל.

דאַכט זיך, וואָס געהער זיך אָן די ספרים צו דער „קליאַטשע", צו „פישקע דעם קרומען" א. ד. ג. פון אַבראַמאָוויטשעס טיפען, דאָך אָהן די ספרים קומט נישט צו איהם דער רוח־הקדש, די „מוזע" ווי די פאָעטען זאָגען.

יעדע שורה, וואָס ער דאַרף אָנשרייבען, ווערט פריהער גוט בעטראַכט, דערנאָך גוט אויסגעאַרבייט, אָדער ווי אַבראַמאָוויטש רופט עס אָן „פיילען". ביי איהם דאַרף יעדער זאַץ האָבען אַ „קאָנסטרוקציע" און אויסגעאַרבייט ווערען מיט אַלע „פליטערלעך".

דאָס רוב האָט ער ליעב צו שרייבען אויף גרויסע בויגענס פאַפיער און אַז ער ענדיגט אַ זייטעל, הויבט זיך ווידער אָן דאָס פיילען מיט אַלע פליטערלעך: אויף יעדע שורה ווערט אָפט אַריינגעשריבען נאָך אַ שורה און אויף דער דאָזיגער שורה ווידער נאָך אַ קליין שורה'לע און אויף דער קלייענער שורה'לע ווערט צו געשריבען מיט ברעקלעך אותיות'לעך נאָך אַ קלענערע שורה'לע — אַזוי אַז אין אַבראַמאָוויטשעס כתב־יד קען מען געפינען אַ דריי און פינף גאָרענדיגע שורה.

נאָר צום דרוק ווערט איבערגעגעבען אַבראַמאָוויטשעס כתב־יד ריין ווי „פערעלעך" אָהן אַ שום קלעק: פערשטעהט זיך אַז אין די זעצער האָט אַבראַמאָוויטש דערפאַר די בעסטע פריינד...

— אַ פערגעניגען, אַ געזונד, זאָגען זיי, צו זעצען ר' מענדעלי'ס כתב־יד.

ווען דאָס כתב־יד איז שוין אינגאַנצען ביי איהם פערטיג אין עטליכע מאָל „אָבגעפיילט" און „איבערגעפיילט" — האָט ער ניט ליעב באַלד עס אַוועקגעבען צום דרוקען.

אַ כתב־יד, זאָגט ר' מענדעלי. אַז עס איז שוין אינגאַנצען פערטיג מיט אַלע „פליטערלעך", האָט עס ליעב עס זאָל זיך „אָנוואַרעמען"...

אַחַד הָעָם (אשר גינזבורג)

א „זײַדענער יונגער מאַן”, אַזאַ אײַנדרוק האָט ער געמאַכט אויף מיר נאָך דאַן, ווען ער איז נאָך ניט געוועזען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „אַחַד-העם”.

און כאָטש איך רוף איהם אָן „יונגער מאַן”. דאָך איז ער קײנמאָל יונג ניט געוועזען אין דעם געוועהנליכען זין, ווי מען פערשטעהט דאָס וואָרט „יונג”.

זײַן גרויסער קאָפּ מיט זײַן גרויסען שטערען אויף אַ אויס-געצויגענער שלאַנקער פיגור האָט אפילו גאָר אין די יונגסטע יאָהרען אויסגעזעהען ערענסט און פערטראַכט ווי אַן אַלטער מענש, וועלכער דענקט און טראַכט פיעל און מיט אַ ברייטען בליק אויף אַלעם וואָס איהם אינטערעסירט אין לעבען.

זײַן אָבשטאַמונג פון אַ גרויסער יחוס׳דיגער חסידיש׳ער פאַמיליע און פון גבירישע עלטערען האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף זײַן געזיכט: שטאָלצקײַט צוזאַמען מיט אַריסטאָקראַטיש-יו-דישע מאַניערען און יעדעס וואָרט וואָס ער לאָזט אַרויס איז געצעהלט, געפּערעלט.

אויסזעהענדיג שטענדיג ערענסט מיט עפּעס אַ דינעם וואָל-

קען אָנגערוקט איבּער זיין געזיכט, ווערט וואַרים און אָנגענעהם צו זעהען דעם שמייכעל, וואָס בעווייזט זיך שטענדיג אויף זיי־נע ליפּען יעדעס מאָל ווען ער הויבּט אָן צו רעדען, אָדער ווען ער הערט, אַז אַ צווייטער רעדט וועגען אַזעלכע ענינים, וואָס איהם אינטערעסירט.

אין אחד־העם׳ן ליגט אַ בּעזונדער קראַפט צוצוציהען צו זיך מענשען, איבּער וועלכע ער געוועלטיגט און שוועבּט העכער פון די, וועלכע רינגלען איהם אַרום.

נאָך דאַן, ווען ער איז געוועזען נאָר אַ יונגערמאַנטשיק און ניט דער איצטיגער בּעוואוסטער „אחד־העם, האָט מען שוין געקענט בּעמערקען אין איהם די גרויסע קראַפט, צו וועלכע מענשען ווערען צוגעצויגען, צוגעקלעפּט.

ניט זייענדיג דאַן נאָך בּעוואוסט און קומענדיג אָפט אין געזעלשאַפט פון עלטערע יודישע שריפטשטעלער און משכילים, האָט מען איהם דאָך אַרויסגעזעהען. אין זיין געזיכט האָט זיך געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס יעדער האָט געמוזט בּעמערקען און די אויגען אָבּשטעלען אויף איהם.

מיר איז אויסגעקומען צו זעהען „אחד־העם׳ן״ נאָר אין די יונגע יאָהרען.

מיר איז אויך אויסגעקומען איהם צו זעהען אין געזעל־שאַפט, ווען ער איז שוין געוועזען דער בּעוואוסטער יודישער שריפטשטעלער „אחד־העם״, און ענדליך איז מיר אויסגעקומען איהם צו זעהען אויף אַ יודישען קאָנגרעס, וואו ער האָט פון דער טריבּונע גערעדט, און זעהענדיג זיין גרויסע ווירקונג אויף דעם עולם און ווי יעדער קלעפּט צו איהם, פלעג איך יעדעס מאָל טראַכטען: אַז ווען „אחד־העם״ זאָל גראָד געוועזען געהן אויף דעם וועג פון זיין יחוס׳דיגע חסידישע פאַמיליע, וואָלט ער געוועזען אַ גרויסער „גוטער יוד״, וואָס וואָלט געהאַט אַ סך טויזענדער חסידים...

צי וואָלט ער געוואָלט זיין אַ גוטער יוד, אָדער ניט, — נאָר די חסידים וואָלטען זיך שוין אָנגעקלעפּט אין איהם און גע־מאַכט איהם פאַר אַ רבּי׳ן.

וועגען וואָס מען זאָל ניט רעדען האָט „אַחד־העם" זײַן אײגענע אָריגינעלע מײנונג, ער איז אָבער זײער עהרליך קעגען זײַנע געגנער און מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל ניט פערגרעסערן ווען איך וועל זאָגען, אַן ער שעצט און האָט ליעב די, וואָס זענען געגען איהם, מעהר ווי די, וועלכע האַלטען מיט איהם.

מיר איז אויף דעם פריהער דערמאַנטען קאָנגרעס אויסגעקומען צו בעטראַכטען „אַחד־העם'ן" די גאַנצע צײַט, ווען אײנער אַ בעוואוסטער רב איז אַרויף אויף דער טריבונע און אין אַ לאַנגער רעדע האָט ער געהאַלטען אין אײן אָנפאַלען אויף איהם, אַחד־העם'ן.

איך האָב דאַן די אויגען ניט אַראָבגענומען פון אַחד־העם'ן, ווי ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זײַן פלאַץ און אויפמערקזאַם געהערט, ווי דער רב היצט זיך און פאַלט אָן אויף איהם.

אויף אַחד־העם'ס ליפּען האָט די גאַנצע צײַט פון רב'ס רעדע געשוועבט אַזאַ שמײכעל, אין וועלכען איך האָב איבערגעלײענט, אַז ער האָט נחת און גרויס פערגעניגען פון זײַן געגנער, וועלכער האָט געשיט מיט פעך און שוועבעל אויף איהם

„אַחד־העם" ווען ער דאַרף שרײַבען האָט ער ליעב התבודדות.

עטליכע טעג פריהער איז ער פערטראַכט אין דעם ענין. וועגען וואָס ער דאַרף שרײַבען.

אין די טעג האָט ער זיך ניט ליעב בעגעגענען מיט מענשען, עס ווילט זיך איהם נאָר זײַן אַלײן.

אין די טעג נעהמט ער זעלטען וועמען אויף און זײַנע הײמישע ווײסען שוין דאַן צו ענטפערען, „אַז ער איז ניטאָ צו הויז".

דערהויפט שרײַבט ער נאָר בײַ נאַכט, דאַן פערשליסט ער זיך אויף דער גאַנצער נאַכט און שרײַבט אָפט ביז אין ווײַסען טאָג.

און אום ער זאָל ניט פיהלען קײן מיעדקײַט, געברויכט ער אַלערלײַ מיטלען: ער טרינקט שוואַרצע קאַווע און ווען

דאָס העלפט ניט, האַלט ער די פיס אין קאַלט וואַסער, ווי דאָס פלעגען טהון פאַרצייטענס געוויסע רבנים, ווען זיי האָבען ביינאַכט געוואָלט פיעל לערנען...

דאָס שרייבען קומט איהם אָן שווער און עס קאָסט איהם פיעל געזונד.

נאָך דעם שרייבען פיהלט ער זיך קראַנק. איבערהויפּט ליידט ער דאַן אויף דעם קאָפּ, ווייל יעדער געדאַנק, וואָס ער זאָגט אַרויס, איז ביי איהם הונדערט מאָל געטראַכט און איבער־געטראַכט, נישט בלויז אַרויסגעלאָזט ווערטער אין דער לופט אַריין...

ביים שרייבען האָט ער ליעב אָרדנונג, דער טינטער מוז זיין אויסגעוואַשען און אָנגעגאָסען מיט פרישע טינט און די פען דורכאויס אַ נייע.

אויף דעם טיש, וואו ער שרייבט, טאָר זיך דאַן ניט גע־פינען קיין אַנדער זאַך, נאָר דער טינטער, די פען, פּאַפּיר און די נויטיגע ביכער, וואָס ער ברויכט ביים שרייבען.

פון זיין שרייבען האָט ער ניט ליעב צו רעדען און ווען איינער דערמאָנט איהם וועגען דעם, הערט ער עס אויס געדול־דיג און געהט באַלד איבער מיט דעם געשפּרעך אויף אַנ'אַנדער טעמאַ...

שלום אַש.

ווען איהר זענט געפאָהרען אין וועג, האָט איהר געוויס אַמאָל בעגעגענט אַ פעלד ניט קיין פערזייטעס, נאָר אַ פערוואַקסענעם מיט בערעלעך און אַלערלייא ווילדע גרעזעלעך, וועלכע שפּראָצען פון זיך אַליין, און אין דעם הפקר־פעלד שטעהט איינער אַליין אַ הויכער בוים מיט ווילדע אומגעלומפּערטע צווייגען און ביי די פוס פון בוים געדרעהטע וואָרצלען.

קיינער האָט דעם בוים פערזייעט, קיינער האָט אויף זיין וואַקסען ניט אַכטונג געגעבען, נאָר איינער אַליין איז ער ווילד אויסגעוואַקסען און קוקט גלייך אין הימעל אַריין.

אַז אַ ווינד בלאָזט, שאָקעלט ער זיך, וויעגט זיך און רוישט איינער אַליין, אָהן חברים.

איז שטיל און רוהיג דאָס וועטער, שטעהט ער און שווייגט איינער אַליין און קוקט פון אויבען אַראָב מיט זיין ווילדקייט צו די אַלערלייא אומגעלומפּערטע געוויקסען, וועלכע וואַקסען ביי זיינע פיס.

ווילד איז אַזאַ בוים, נאָר מיט זיינע געדיכטע שטאַרקע צווייגען, וועלכע קיינער האָט נאָך ניט אָנגעריהרט, איז ער

פֿאָרט שען און אָריגינעל אין דעם מענשענס אויגען.

און קיינמאָל וועט איהר ניט פֿערבייפֿאָהרען, איהר זאָלט זיך ניט אומקוקען אויף דעם דאָזיגען ווילדען נאָר אָריגינעלען בוים.

אויב איהר האָט אַזאַ „ווילדען' בוים אין אייער לעבען געזעהען קענט איהר זיך אַזוי ריכטיג פֿאָרשטעלען שלום אַש'ן.

ווילד נאָר סימפּאַטיש האָט ער אויסגעזעהען צוזאַמען מיט זיין שרייבען, ווען ער איז געקומען פֿון זיין שטעדטעל קיין וואַרשא אין דער רעדאַקציע פֿון „יוד" און האָט דערלאַנגט אַ געשריבען העפֿט, זאָגענדיג „אָט האָט איהר „אַ בילד" דרוקט עס!".

און אַז די קאַלטע רעדאַקטאָרישע האַנד האָט פֿון דעם שענעם בילד אָנגעהויבען אַרומשניירען די „ווילדקייט", אָבהיטענדיג די פֿאָרם, די „טעכניק" פֿון שרייבען, האָבען ביי דעם „ווילדען" קליינשטעטעלדיגען יונגען־אָנהויב־שרייבער זיך אָנגעצונדען די אויגען מיט עפּעס פֿייערלעך, גלייך ווי מען האָט איהם לעבעדיגע אבריםׂ אָבגעשניטען...

ער האָט זיך ניט געקענט לאַנג בערוהיגען ווי איינער, וואָס האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ שווערע אָפּעראַציע.

און וואָס ווייטער שלום אַש פֿלעגט ברענגען זיינע בילדער" צום דרוקען, האָט זיך די רעדאַקציע מעהר איבערציינגט, אַז דאָ האָט מען צוטהון ניט מיט די הונדערטער מאַניאַקען־שרייבער, וועלכע שיקען זייערע כתב־יד'ן אָדער קומען מיט זיי אין די רעדאַקציעס דרוקען זייערע „ווערק". מען האָט געזעהען פֿאַר זיך אַ נייעם יונגען טאַלענט, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויף אַ ווילד פֿעלד אין אַ פֿערוואָרפֿענעם עק פֿון אונזערע יודישע שטעדטלעך, וואו דאָס לעבען איז ווילד אין אומגעלומפּערט, און נאָר פֿאַר אַ אמת יודישען טאַלענט איז דאָס דאָזיגע לעבען שען און דערהויבען און עס קלינגט אָב אין דעם יודישען פֿאָעטישען האַרץ ווי אַ שענע טרויריגע און זיסע מוזיק.

און אַש, דער „ווילדער" בוים, איז געוואַקסען אין דאָס יודישע „שטעדטעל" איז ביי איהם אויסגעוואַקסען אין אַ גאַנצער פֿאָעמא

שפּעטער האָט אַש אָנגעהויבען שרייבען אויף יודיש פֿאַר

ניט־יודען און נישט פון זיין שטעדטעל און פון דאַן אָן ווייזט זיך מיר אויס, אַז אין געשטאַלט פון אַש'ן זעה איך אַ משונה'דיג בילד: אַ שוואַרצען גענער אין עלעגאַנטע אייראָפּעאישע קליידער מיט אַ ווייס ווי זילבער געפּרעסט העמד, מיט אַ ווייסען זיידענעם האַלז־טוך און מיט בריליאַנטענע פינגערלעך אויף די שוואַרצע פינגער.

נאָד מיר רעדען דאָ וועגען אונזער שלום אַש פון זיין בערימט יודיש „שטעדטעל״.

שרייבען — שרייבט ער משונה'דיג.

ער מאַכט זעהר וועניג הכנות ווען ער דאַרף זיך זעצען שרייבען, אפילו קיין פּאַפּיר גרייט ער ניט אָן.

אַז ער דאַרף זיך זעצען שרייבען, הויבט ער אָן ביי זיך אין שטוב זוכען טינט און פעדער, ווי אַ בעל־הבית'טע די שליסעל, ווען זיי ווערען פערפאַלען...

געפינט ער דאָס פעדער־הענטעל, איז קיין פעדער ניטאָ, האָט ער שוין געפונען אַ פעדער מיט אַ הענטעל — איז אין טינטערעל אָפט קיין טינט ניטאָ, אָדער די טינט איז דאָ, נאָר פערטריקענט.

שווער קומט איהם אָן, ביז איהם געלינגט צוזאַמענשטעלען דאָס שרייבגעצייג און ווען עס געלינגט איהם אַמאָל ניט צוזאַמענשלעפּען אַ הענטעל, אַ פעדער און אַ טינטערעל מיט ניט קיין פערטריקענטע טינט, קומט ער אָב דערווייל מיט אַ בלייפעדער.

שרייבען שרייבט ער אויף שטיקלעך פּאַפּיער, וועלכע ער געפינט אויף זיין טיש אונטער דער האַנד, אַזוי אַז איין זאַך ווערט אָפט געשריבען אויף צוואַנציג פערשידענע שטיקלעך פּאַפּיער פון פערשידענע סאָרטען און פאָרמאַטען.

דאָס בענקעל, אויף וועלכען ער זיצט און שרייבט, האַלט אין איין אַרומפאָהרען און זיצענדיג אויף אַ עק פון בענקעל, איז נאָר זיך צו בעוואונדערען, וואָס בעת פאָהרען פאַלט ער ניט עטליכע מאָל אַראָב פון בענקעל.

זיין גאַנצע פיגור בעת שרייבען שלענגעלט זיך און ביידע הענד ביז איבער די עללענבויגען געפינען זיך בעת שרייבען אויף דעם טיש.

דאָס כתב קומט אויך אוים ביי איהם משונה'דיג, אַז די זעצער פערשעלטען זיך די יאָהרען...

אָט אזוי שרייבט דער „ווילדער" נאָר גרויסער טאַלענט שלום אש...

אַזוי קען מען איהם כאַראַקטעריזירען און די יונגערע יאָהרען, יעצט האָט זיך דער כאַראַקטער פון שלום אַש שרייבען אויף כיעל זיך איבערגעביטען.

ח. נ. ביאַליק.

פריהער פאַר אַלעם מוזט איהר וויסען, אַז דער גרויסער ביאַליק, דער בעריהמטעסטער פּאָעט איז נאָך אַ יונגער מאַן. צווישען אַלע יודישע פּאָעטען איז ער דער לייב, און זיין קאָפּ איז אויך אַ לייבען־קאָפּ, אָדער ווי דער דייטש דריקט זיך אויס אַ „לעווען־הויפּט“.

ביאַליק'ס פּנים געהערט צו די זעלטענע געזיכטער, פאַר וועלכע מען האָט דרך ארץ ווען מען זעהט זיי אפילו דאָס ערשטע מאָל.

די ציגען פון זיין געזיכט וועט איהר געדענקען אייער גאַנץ לעבען, ווען אייך איז אויסגעקומען איהם צו זעהען אפילו נאָר איינמאָל.

און ווען איהר וועט פרעגען איינעם וואָס האָט געזעהען ביאַליק'ן און ווייסט ניט, אַז ער איז דער גרעסטער יודישער פּאָעט, וועט ער אייך געוויס ענטפערען, אַז, „ער איז זעהר אַ סימפּאַטישער יונגער מאַן“.

און ווער עס ווייס ניט, ווער ביאַליק איז, וועט קיינמאָל ניט זאָגען, אַז דאָס איז אַ גרויסער פּאָעט. נאָר דער, וואָס

חאַפּט ביאַליק׳ן אין די מינוטען ווען ער צורעדט זיך פון חסידות און זינגט זיך אונטער אַ חסידיש ניגון׳דעל, דער ווערט באַלד אין זיינע אויגען, וועלכע צינדען זיך אָן בעת מעשה מיט מאָדנע שענע פייערלעך, דערקענען, אַז אין דעם דאָזיגען סימפּאַטישען יונגען מאַן ליגט אַ אונגעוועהנליכע בעגייסטערטע נשמה.

פּאַר פרעמדע מענשען איז שווער צו דערקענען דעם גרויסען פּאָעט אין ביאַליק׳ען! אויך דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט ניט ליעב צו רעדען וועגען זיין שרייבען און ער האָט אַ שוואַכקייט זיך צו בערירהמען, אַז אין איהם ליגט אַ פעהיגער סוחר...

עס קען אפשר זיין, אַז אין ביאַליק׳ען ווי ער זאָגט אַליין, ליגט אַ פעהיגער סוחר, איז אָבער דאָ אַ חסרון, יעדעס מאָל ווען ער איז סוחר, קומט צו געהן די געטין פון פּאָעזיע און גראָבט אונטער דעם מערקוד, דעם גאָט פון מסחר — און פון ביאַליק׳ען לאָזט זיך אויס אַ אונפעהיגער סוחר...

אין לעבען איז ביאַליק אַ געוועהנליכער יונגער מאַן, וואָס איז שטענדיג אינטערעסאַנט אין געזעלשאַפט, אין וועלכער ער זאָל זיך נאָר געפינען.

ווען ער הערט אָדער ער לייענט פון פרעמדע אומגליקען גיסט זיך אויס די ליידען אויף זיין גאַנץ געזיכט און איהם געלינגט ניט זיי אויסצובעהאַלטען פאַר אַנדערע.

אַנ׳אַנדער ביאַליק איז ער ווען ער שאַפט.

מיט זיינע שירים האָט ער שטענדיג אַ שווער טראָגען און איז „מעוברת״ חדשים לאַנג.

ער שרייבט ניט אָן קיין שיר אין איינמאָל נאָר שורות׳ווייז און פון איין שורה ביז צו דער צווייטער קען אַמאָל געדויערען טעג׳ווייז, אין אַ צייט אַרום געפעלט איהם עפּעס ניט קיין שורה און אויף איהר אָרט פאַלט איהם איין אַנ׳אַנדערע, צוליעב וועלכער עס מוז שוין איבערגעאַרבייט ווערען דער גאַנצער שיר.

עס איז בעוואוסט, אַז איינינע שירים אין „השלוח״ האָט ער אָבגעהאַלטען חדשים לאַנג, ביז ער האָט זיי געדרוקט.

נאָר איין ווערק, איין שאַפונג האָט ביאַליק לאַנג ניט געקענט טראָגען אין זיך — שוין צופיעל האָט דאָס ווערק זיין

האַרץ געפּרעסט און געריסען אויף שטיקער.

דאָס דאָזיגע ווערק איז די פּאָעמאַ „משא נעמירא̇וו".

די דאָזיגע בעריהמטע פּאָעמאַ איז ביי ביאַליק'ען געשאַפען געוואָרען אויף די יודישע הרוגים און הורבות פון קישינעווער פּאָגראָם, ווען ער האָט די שטאָדט בעזוכט אין געזעהען איהרע נאָך נישט־פּעהיילטע וואונדען, דעם גרויסען און אונענדליכען יודישען שמערץ האָט ביאַליק ווי אַ אַלויפענדיגען שטראָם אויסגעגאָסען אין זיין אונשטערבליכער פּאָעמאַ*).

וואָכען אוז חדשים־לאַנג טינקט ביאַליק ניט איין קיין פען. ביאַליק שרייבט ניט ווען אַ רעדאַקטאָר פערלאַנגט פון איהם, ער שרייבט נאָר דאַן — ווען עס גלוסט זיך איהם, ווען עס קומט איהם אָן...

אום צו קענען דעם גרויסען פּאָעט ביאַליק'ען מיט זיין עניוות, איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי זיין ערשטער שיר „אל הצפור" (צום פויגעלע) איז געדרוקט געוואָרען.

י. ח. ראַווניצקי האָט דאַן אין אָדעס געדרוקט דעם ערשטען באַנד פון „פּרדס".

הונדערטער אַרטיקלען אין שירים האָבען זיך, ווי דער שטיינער איז אָנגעהויבען שיטען אין דער רעדאַקציע פון „פּרדס" פיעל יונגע לייט האָבען אָבגעשלאָגען די שוועל פון דער רעדאַקציע, אַז מען זאָל דרוקען זייערע „ווערק".

אין אַ שענעם פריהמאָרגען ווען ראַווניצקי איז געוועזען פערנומען אין דרוק שוין כמעט מיט דעם פערענדיגען דעם ערשטען באַנד, קומט מען איהם זאָגען, אַז „עפּעס אַ יונגער מאַן וואַרט אויף איהם אין דרויסען".

און ראַווניצקי איז אַרויסגעגאַנגען און בעגעגענט אַ יונגען־מאַן, וואָס האָט איהם דערלאַנגט „אַ שיר" צום דרוקען.

און אָט דער שיר האָט אַרויסגעגעבען זיין גזר־דין אויף ביאַליק'ען ער איז געוואָרען דער גרעסטער יודישער פּאָעט...

---

*) די פּאָעמאַ האָט געהייסען „מ׳שא קישינוב" נאָר לויט דער פאָדערונג פון פּעטערבורגער צענזור איז זער נאָמען געענדערט געוואָרען אויף משא נעמירא̇וו

בן-עמי (ראבינאוויטש)

פון ערנסטע פילאזאפישע ארטיקלען איז ער איבערגעגאנגען צושרייבען ערצעהלונגען, און זיי לייענען זיך מיט גרויס פערגעניגען...

צום בעדויערען אבער שרייבט ער זעלטען. מען זאגט, אז דאס איז דערפאר, ווייל עפעס אנצושרייבען, איז פאר בן-עמי וועניג א פען, טינט און פאפיער, ער מוז אויך דערצו האבען די שווייצארישע בערג.

עס איז שוין ביי איהם אזא טבע, אז ווען ער געפינט זיך אין דער שווייץ שרייבט ער א סך און אויסער דער שווייץ גארנישט. נאר ווען ער דארף פארט עפעס אנשרייבען, מוז ער זיך צום וועניגסטען פארשטעלען די שווייץ פון דערווייטענס. נאר ווי בן-עמי זאל נישט שרייבען, איז קיינער נישט אימשטאנד זיין כתב איבערצולייענען. יעדער זעצער, וועלכען עס איז נאך נישט נמאס געווארען דאס לעבען, וועט זיין כתב-יד ניט נעהמען זעצען, כל זמן מען וועט עס ניט איבערשרייבען.

און די איבערשרייבער פון בן-עמי'ס כתב-יד, דערצעהלט

מען, זענען ספּעציאַליסטען־קאַליגראַפען, וואָרום אַ געוועהנליכער בשר־ודם וועט זיך ניט אונטערנעהמען איבערצושרייבען בן־עמי׳ם כתב־יד.

אין אָדעס איז ער בעוואוסט און בעליעבט נישט נאָר אין ציוניסטישע קרייזען.

ווען אחד העם, ש. דובנאָוו און בן־עמי האָבען געוואָהנט אין אָדעס — פלעגט מען זיי אָנרופען די „טרויצע" אָדער דריי־מזלות. האָטש אַלע דריי זענען פון בעזונדערע ריכ־טונגען, זענען זיי שטאַרק געווען נאָהענט איינער צום אַנדערן.

נאָר ווען אַ זייטיגער מענש האָט זיי אַלע דריי בעגע־געגנט אין געזעלשאַפט, ווען זיי האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ שמועס, האָט געקענט אויסווייזען, אַז זיי קריגען זיך.

בן־עמי האָט ליעב שטענדיג פיהרען וכוחים און זאָגען פונקט דעם היפך ווי זיינע חברים; דאָס איז שטאַרק ניכר אויך אין זיינע פובליציסטישע ווערק.

אַט שטעהט בן־עמי צווישען זיינע חברים און רעדט זיך שטיל, ליעבליך, פלוצים ווערט אַ שמועס וועגען ליטעראַטור אָדער וועגען אַ כלל־פראַגע, דאָ הערט מען שוין בן־עמי׳ס קול, ער פיהרט שוין אַ וכוח פול מיט פייער.

די לעצטע יאָהרען דרוקט זיך בן־עמי זעהר וועניג, צי עס קומט עפּעס פאָר אין איהם אַ איבערקעהרעניש, אָדער ער האָט איצט אויפגעהערט גלויבען אין זיך, ווער ווייסט?

דאַכט זיך, אַז בן־עמי וואוינט די לעצטע יאָהרען אין דער שווייץ.

און ווי זיינער אַ פריינד פערזיכערט, איז ניט מעגליך, בן־עמי זאָל וואוינען אין דער שווייץ און זאָל אַ סך ניט שריי־בען...

יעקב דינעזאָהן.

זיס און צוקערדיג איז דינעזאָהנ'ס אויסזעהן, זיס איז זיין רעדען, זיס איז זיין שרייבען. אין אַלעם, וואָס ער רעדט, אין אַלעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, געפינט איהר נאָר זיסקייט...

און ווער קען עס זאָגען אַ חסרון אויף זיסקייט, אויף אַ זיסען מענטשען?

און טאַקי זיין זיסקייט, וועלכע איז איהם געגעבען געוואָרען פון דער נאַטור, האָט דינעזאָהן צו פערדאַנקען דאָס, וואָס אַלע האָבען איהם ליעב: אַלע שריפטשטעלער, די אַלטע, די יונגע און אָנהויבער; יעדער געפינט אין איהם אַ חבר, אַ גוטען פריינד און אַ בעל-עצה.

דינעזאָהן האָט שטאַרק ליעב זיינע לעזער און קוקט אויף זיי ווי אויף קינדער, אין זיין שרייבען גיט ער זיך אַלע מיה, עס זאָל זיין לייכט און פערשטענדליך צום לייענען, און שפּאָרט ניט אפילו זיך איבערצוחזר'ן...

ער שרייבט זייער גרינג. איהם איז נאָר שווער איידער

ער זעצט זיך שרייבען; זעצט ער זיך, קען ער אוועקשרייבען חדשים לאנג.

זומער-צייט שרייבט ער ווייניג, די הויפּט-ארבייט איז ביי איהם ווינטער. אויפן ווינטער גרייט ער צו אן'איינגעבונ-דענעם קאיעט (טעטריאד) פון עטליכע הונדערט זייטען און שרייבט דאס, וואס ער האט פערטראכט זומער-צייט.

דאס גוטע פּאַפּיער און גוטע פעדער שפּיעלען ביי איהם א גרויסע ראלע ביים שרייבען.

רעמאלט פאהרט עס ביי איהם ווי אויף רעלסען.

אין דער צייט פון זיין שרייבען, ווען ער בעגעגענט זיך מיט איינעם, מוז ער איהם דערצעהלען אויסווענינג, ווי פון געדרוקטען, אלעס, וואס ער האט אין דעם טאג געשריבען.

און חאטש דינעזאהן איז פון דער נאטור ניט קיין רעד-נער, דאך מיט זיין שטילער שטימע מאכט ער אלעס וואס ער דערצעהלט אינטערעסאנט און איינציהענד, אז מען מוז איהם הערען...

ווען דינעזאהן זעצט זיך שרייבען טהוט ער דאס מיט גרוים הכנות. פריהער „מאסטעט" ער זיך איין אויף דעם בענ-קעל, עס זאל איהם זיין גוט צו זיצען, פונקט ווי איינער זעצט זיך אריין צו א בעל עגלה אויף דער פוהר, ווען ער דארף זיך אוועקלאזען אין א וויטען וועג.

מיט רחבות און מיט עפּעס א בעזונדער נחת נעהמט ער די „גוטע" און נייע פעדער אין דער האנד, פון וועלכער עס גיסט זיך אויף דעם שענעם, דיקען פּאַפּיער גלייכע שורות מיט שע-נע בוכשטאבען.

אלע העלדען, וועלכע ווערען בעשאפען אונטער זיין פע-דער, זעהט ער פאר זיינע אויגען, ער געפינט זיך מיט זיי אין זיין צימער, ער וויינט און לאכט מיט זיי, ער פרעהט זיך און טרויערט מיט זיי.

דינעזאהן קען נישט מערקען און פעררינכטען זיין געשרי-בענעם כתב-יד. און אויב ער דארף דאס טהון, לעגט ער אוועק דאס אנגעשריבענע און הויבט אן צו שרייבען איבערניי'ס

פון אָנהויב אַזוי, אַז עס קומט ביי איהם אויס אַ גאַנץ ניי
ווערק.

דינעזאָהן איז פון די געצעהלטע שריפטשטעלער, וואָס אַ
חוץ זיינע פיעל געדרוקטע ווערק, בעזונדערע און אין צייטונגען
און זשורנאַלען, פערמאָגט ער פיעל געשריבענע, ניט קיין גע־
דרוקטע ווערק, וועלכע ער היט אָב און האַלט אין אָרדנונג ווי
אַ טייערן אוצר און פון צייט צו צייט קוקט ער אַריין אין זיי...
די לעצטע יאָהרען שרייבט ער זעהר ווייניג.

משה ליב ליליענבלום.

גאר פון די אלטע שרייבער. אין זיין צייט האט ער צווישען די יודישע ליטעראטען געשפיעלט „די ערשטע פיעדעל".

אריינגעקומען איז ער אין דעם ליטעראַרישען וועלטעל ווי דאס רוב יודישע שרייבער פון „בית המדרש", פון דער ישיבה, מיט א סך יודיש וויסען און קענטעניש, געקומען איז ער היים געבארען מיט זיין „חטאת נעורים", וועלכער האט אין יענער צייט אנגעמאכט א רעש. אויך איז ער געקומען מיט א גרויסער לוסט צו קענען אייראפעאישע וויסענשאפט און ווי מען דער־צעהלט, האט ער ערשט נאך צוואנציג יאהר אנגעהויבען זיך לערנען שרייבען און לייענען רוסיש.

זיך בעקענענדיג מיט דער רוסישער ליטעראטור, האט ער זיך באלד אנגעהויבען שניידען אויף א יודישען קריטיקער, כמו פיסארעוו און דאבראליובאוו און אזוי פלעגען איהם טאקי אין יענע צייטען רופען די משכילים.

שוין זייענדיג גענוג בעקאנט מיט דער רוסישער ליטע־ראטור און מיט דער „אייראפעאישע ציוויליזאציע" און שוין שרייבענדיג אין רוסישע זשורנאלען, האט ער פונדעסטוועגען

ניט אויפגעהערט זיך שטענדיג „גרייטען צום עקזאַמען" אום צו בעקומען אַנ'אַטעסטאַט.

כמעט יעדעס יאָהר האָט ער „געהאַלטען עקזאַמען" און קיין „אַטעסטאַט" פאָרט ניט בעקומען.

שוין זייענדיג אַ געוויסע צייט אַ פרייער צוהערער אין אָדעסער אוניווערזיטעט, איז איהם דאָך קיינמאָל ניט געראַטען צו בעקומען וואָסער ס'איז „אַטעסטאַט".

מען דאַרף בעמערקען, אַז זייענדיג אַ מענש מיט זייער פיעל קענטעניש, האָט ליליענבלום געהאַט אַ מין שוואַכקייט צו בעקומען אַנ'„אַטעסטאַט" אָהן וועלכען ער איז בײַ זיך אויסגעקומען ניט קיין פאָלקאָמענער „ציוויליזירטער מענש".

און אָדעס, וואו עס וואוינט יאָהרען לאַנג ליליענבלום, איז מיר אין די אַמאָליגע יאָהרען אויסגעקומען צו הערען וועגען זיין „אַטעסטאַט" און „עקזאַמענס" פערשיעדענע אַנעקדאָטען. איינער פון זיי איז, אַז ליליענבלום האָט פאַר קיינעם ניט אַזוי דרך־ארץ ווי פאַר אַ יודען מיט אַ „דיפּלאָם". ליליענבלום ווערט פאַר קיינעם ניט בטל אפילו פאַר אַ זעלכע „שריפטשטעלער" ווי אחד־העם, נאָר פאַר אַ יונגען־מאַן וואָס האָט אַנ'אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע ווערט ער בײַ זיך בטל.

פאַר דיפּלאָמירטע, זאָגט מען, האָט ער עד היום דרך־ארץ. מען דערצעהלט, אַז ליליענבלום, נאָך פיעל יאָהרען זיך גרייטען צום עקזאַמען, האָט זיך דערשלאָגען זיינס: ער האָט אויסגעהאַלטען עקזאַמען און האָט בעקומען אַ „דיפּלאָם" פון אַ „נאַראָדנע אוטשילישטשע"...

די לעצטע יאָהרען האָט ליליענבלום אויפגעהערט צו שרייבען, נאָר פון צייט צו צייט ווען עס ווערט אָנגערירט אַ וויכטיגע נאַציאָנאַלע פראַגע, גיט ער פאַר זיין חוב זאָגען אויך זיין וואָרט.

ליליענבלום לייענט און קויפט אַ סך ספרים ווי אַ יונגער משכיל. פון איינעם פירוש אויף „יורה־דעה" אָדער אַ נײַ ווערק אויף אייראָפּעאישער שפּראַך ביז אַ נײַ ביכעל אויף „מאַמע־לשון" קויפט ער און לייענט איבער.

פון צייט צו צייט מאַכט ער זיך אַ שפּאַציר איבער די יודישע בוכהאַנדלונגען, אפשר איז עפּעס אַרויס נייס פון דרוק, קלויבט זיך אויס וואָס איהם געפעלט און קויפט.

ליליענבלום איז דער איינציגער יודישער שריפטשטעלער, וואָס האָט ליעב אויסצושרייבען צייטונגען פאַר זיין מזומנ׳עס גראָשען, אפילי די צייטונגען, אין וועלכע ער שרייבט.

„יענער צאָהלט מיר פאַר שרייבען — זאָגט ליליענבלום — דאַרף איך צאָהלען פאַר דער צייטונג, איך האָב ניט ליעב אומזיסט”.

און ער איז זיך נוהג, אַז פאַר ניי־יאָהר, באַלד ווי די צייטונג עפענט דאָס אַבאָנאַמענט, איז ער פון די ערשטע אַבאָנענטען,

ווען ליליענבלום זעצט זיך אַנידער שרייבען אין זיין ביב־לישער קאָפּ בויגט זיך אָן איבער דעם פּאַפּיר און זיין גרויסע באָרד צולעגט זיך איבער דעם טיש, דערמאָלט, קוקענדיג פון דערווייטענס, דערמאַנט מען זיך ניט ווילענדיג אין איינע פון די אַנזיכטס־קאַרטען, וואו עס איז אָבגעמאָלט ירמיהו הנביא, וועלכער קלאָגט אויף חורבן ירושלים...

ליליענבלום שרייבט דאָס רוב אויף קליינע בויגעלעך פּאָסט־פּאַפּיער מיט קליינע פּינטעלעך און שטריכעלעך, וועלכע מען דאַרף אויסשטודירען, און דעמאָלט ליינט זיך עס לייכט, דאָס כתב איז אַזוי כאַראַקטעריש, אַז עס איז גענוג איינמאָל דאָס צוזעהן, אום מען זאָל שוין דערקענען ווער עס שרייבט.

יעדער זאַך, וואָס ליליענבלום לייענט, מאַכט אויף איהם מעהר אָדער ווייניג אַן׳איינדרוק, אַזוי, אַז ער איז שטענדיג פערטיג עטוואָס אָנצושרייבען.

ביים לייענען האָט ער ליעב מאַכען בעמערקונגען טאַקי אויף דעם בוך אָדער אויף בעזונדערע שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע ער רוקט אָהן אַ שום אָרדנונג אין שרייב־טיש אַריין לזכרון— עד שיבא אליהו...

בעמערקונג פון י. ל. ליליענבלום *)

„איך בעט ערלויבען מיר צו מאכען אפאר בעמערקונגען אויף איינינע אומזיסטינע „שבחים“, וועלכע זענען אויף מיר געזאגט געווארען.

איך האב ווירקליך געגרייט צו א גימנאזיאל-עקזאמען, נאר איך האב קיינמאל ניט געפרובט זיך עקזאמענירען. אין יענער צייט האט איין עקסטערן געמוזט האלטען עקזאמען אויף דעם גאנצען גימנאזיאלען קורס מיט איין מאל און צו דעם האט מיר געפעהלט א געוויסער טייל פון גריכיש און היסטאריע און אינגאנצען — טריגאנאמעטריא, פיזיק און קאסמאגראפיע. עס איז דערפון שוין פערשטענדליך, אז איך בין קיינמאל ניט געוועזען קיין פרייער צוהערער אין אוניווערזיטעט אויף וואס איך האב קיין רעכט ניט געהאט.

און אז איך בין קיינמאל ניט געגאנגען צו וואס עס איז פאר איין עקזאמען, חוץ וואס מ'האט מיך פאר מיינע תנאים עקזאמירט מיט א מהרש"א און א „נימוקי יוסף“ — (גלויבט מיר, אז איך קען אפילו ניט דערווייזען דאקומענטאליש, אז איך בין אמאל געבוירען געווארען, איך האב ניט קיין מעטרישעסקאיע סווידעטעלסטווא.) האב איך אויך ניט קיין דיפלאם פון א גאראדנאיע אוטשילישטשע“ און ביז היינט טאר איך ניט לערנען אפילו מיט א יודישען יונגעל דעם „אזבוק“ אדער ערקלערען איהם אז צוויי מאל צוויי איז פיער. מיין שוואכקייט צו איין אטעסטאט איז געקומען דערפון, וואס ווינענדיג א יודישער לעה-

---

*) די חאראקטעריסטיק וועגען ליליענבלום'ן איז געשריבען געווארען נאך ביי זיין לעבען, און ווי ליליענבלום האט זיך בעקענט מיט דעם ארטיקעל וואס איז געשריבען געווארען וועגען איהם, האט ער צוגעשיקט דעם דאזיגען בריעף.

דער האָב איך אפילו אין רעד גרויסער אָדעס ניט געהאַט אויף ברויט און אויף גאַנצע שטיוועל, אָבער ניט דערפאַר וואָס איך ווער בטל פאַר אַ יונגען מאַן מיט אַ דיפּלאָם. מייַנע מיינונגען בין איך קיינמאָל ניט מבטל פאַר וועמען עס זאָל ניט זיין, נאָר סתם דרך־ארץ האָב איך פאַר אַלעמען, וועלכע עס פערדינען דאָס, סיי דיפּלאָמירטע, סיי ניט דיפּלאָמירטע.

פאַר צייטונגען צאָהל איך ווירקליך אָבער ניט פאַר אַלע וועלכע איך בעקום, אַנדערע זעה איך, ווי מעגליך, צו בעפרידיגען מיט ארטיקלען.

משה ליב לילענבלום.

ה. ד. נאמבערג.

צווישען די אלטע הייסט ער א יונגער שרייבער און צווישען די יונגע — אנ'אלטער.

אליין איינגעטונקען אין חסידות, איז ער א דאנק א פאר העברעאישע ביכלעך, אין וועלכע ער האט זיך פערטיעפט — מיט א מאל ארויסגעשפרונגען פון דעם חסידיש'ען וועלטעל און געווארען א פרייער משכיל און דערנאך א יודישער שריפטשטעלער.

אזעלכע טיפען משכילים ווי נאמבערג, וועלכע האבען מיט איין מאל אינגאנצען זיך אבגעריסען פון זייער חסידיש'ער וועלטעל, איז ניט קיין נייעס אין וואהלין, ליטא א. אז. וו., וואו די השכלה האט זיך אנגעהויבען מיט א סך יאהרען פריהער ווי אין פוילען. דארטען האט מען נאך צוריק מיט פופציג יאהר זיי געקענט בעגעגענען אין יעדער שטאדט, נאר דא, אין פוילען, זענען אזעלכע נאמבערגס-משכילים א פראדוקט פון די לעצטע יאהרען.

נאמבערג האט זיך ניט בעגנוגענט מיט זיין אבצורייסען זיך פון הסידות ווי א טייל אנדערע „משכילים”, וועלכע האבען זיך

מיט אַ מאָל אָבגעריסען פון חסידיש-פרום וועלטעל און שוין! ווי זאָגט מען, אַ פרייער פויגעל און פטור.

נאָמבערג האָט זיך גענומען אַליין לערנען און עס איז אַרויס-געקומען אַ שריפטשטעלער מיט אַ אינטעליגענטען פשט ל-קאָפ.

נאָמבערג ציילענט זיך אויס צווישען די יונגע שרייבער מיט דעם, וואָס ער האָט פיינד זיך אָבצונאַרען.

דאָס זאָגט איהם אונטער זיין שכל הישר.

דאָס אַלעס איז צו דערקענען אין נאָמבערג׳ס שרייבען.

ער האָט ניט ליעב אָבצוקומען אַבי אָנצושרייבען.

איבערהויפט איז ער שטרענג צו זיך, ווען ער אַרבייט זיינע בעלעטריסטישע זאַכען.

ער טראָגט זיך שטענדיג אַרום מיט אַ סך טהעמאַ׳ס, אָבער אָנצושרייבען זיי איז ער ווייט, און דאַכט זיך, אַז ער וואָלט זיי קיינמאָל ניט אָנגעשריעבען, ווען ניט די נויט, ווי שלעכט זי איז, שאַפט זי אַ מאָל גדולות. שווער קומט איהם אָהן דאָס שרייבען.

און דאָך האָט נאָמבערג ניט איין מאָל געאַרבייט אין טעג-ליכע צייטונגען, וועלכע מוזען אַרויס יעדען טאָג און דאָ העלפט ניט קיין אָבלעגעכטס און ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז מען שריי-בען.

נאָמבערג האָט דערפאַר אַ מעלה, אַז ווען ער זעצט זיך שוין שרייבען, קען ער אַזוי אַרבייטען אויף איין אָרט זעקס און אַכט שטונדען.

ער האָט זייער ליעב געזעלשאַפט, ער האָט ליעב דאָס לעבען.

און ערשט נאָך דעם ווי ער פערברענגט אין געזעלשאַפט שעה׳ן לאַנג, זעצט ער זיך אויף שעה׳ן לאַנג אַרבייטען.

אין דערפריה, ווען די גאַנצע וועלט אַרבייט, האָט נאָמ-בערג געוועהנליך ליעב צו שלאָפען, אין אָוועגד האָט ער ליעב צו שפּאַצירען אָדער זיך געפינען צווישען בעקאַנטע, און דאַן, ווען אַלע רוהען האָט ער ליעב צו אַרבייטען.

טהעמאַ׳ס צו זיינע ערצעהלונגען „חאַפּט“ ער אויך מאָרגנע:

מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס

ער זעהט אין אַ פענסטער אויסגעשטעלט אַ בילד פון אַ בעריהמטען קינסטלער און דאָס האָט איהם געדיענט פאַר אַ טהעמאַ אָנצושרייבען אַ בילד „שוויין שוועסטער“.

אום דאָס מאָמענט־פאָטאָגראַפישע בילד פון נאָמבערג׳ן זאָל אויסקומען מעהר דייטליך, מוז מען נאָך דאָס צוגעבען.

אַזוי אין לעבען מאַכט נאָמבערג אַנ׳איינדרוק, אַז ער שעצט אַלעס גרינג, אַוועקמאַכענדיג אויף אַלעס מיט דער האַנד, ווי איינער זאָגט: עט, בלאָטע, אַלץ איין שוואַרץ־יאָהר! ביים שרייבען אָבער איז איהם ניט צו דערקענען, דאָ האָבען מיר צו טהון מיט אַנ׳ערנסטען, בעטראַכטען און זאָגאַר פראַקטישען מענשען...

דער, ווער עס קען נאָמבערג׳ן אויסער זיין ליטעראַרישע אַרבייט, וועלען די לעצטע צוויי ווערטער אויסקומען משונה׳דיג „נאָמבערג און אַ פראַקטישער מענש“...

און דאָך איז דאָס אַזוי...

ער איז דער פראַקטישסטער, דער ערנסטער צווישען אַלע יונגע שרייבער.

און דאָס, דאַכט זיך, האָט ער צו פערדאַנקען זיין אינ־טעליגענטען קלוגען פשט׳ל קאָפּ, וואָס איז איהם געבליבען בירושה פון זיין אַ מאָליג פרום־חסידיש־בעל־הבתיש וועלטעל...

נ. סאָקאָלאָוו.

אַלס פעהיגער מענש און בעגאַבטע נאַטור פערנעהמט ער אַ בעזונדערין פּלאַץ צווישען די יודישע שריפט-שטעלער און אלס פיעל זייטיגער און פרוכטבאַרער אַרבייטער קען זיך קיינער מיט איהם ניט פערגלייכען; אויך מיט זיין אויסזעהען איז ער ניט עהנליך אויף דעם געוועהנליכען טיפּ פון אַ יודישען שריפט-שטעלער.

דעם ערשטען איינדרוק מאַכט ער אויף יעדען אַלץ אַן אייראָפּעאישער אַריסטאָקראַט, וועלכער צעהלט און בעטראַכט יעדעס וואָרט, וואָס שיט זיך פון זיין מויל. העפליך צו יעדען פון גרויס ביז קליין, געהט ער איבער אין זיין רעדען צום-יודישען טאָן און דאַן שיט זיך פון זיין מוילעכטער יודישער וויץ.

זייענדיג אויך אַ כלל-טהוער און אַ מיטגליעד אָדער אַ קאָמיטעט-מענש אין פיעל וואַרשעווער אַנשטאַלטען, געפינט ער אויף אַלעס צייט. שרייבען ניט נאָר אין זיין צייטונג (די „הצפירה"), נאָר אויך גאַנץ אָפט אין פרעמדע צייטונגען אויף אַנדערע שפּראַכען.

סאָקאָלאָוו שרייבט שנעל, אַז דאַכט זיך אַ שרייב־מאַשין קען זיך מיט זיין שנעלקייט פערגלייכען, און פון דער ערשטער פעדער געהט דאָס געשריבענע גלייך אין דרוק.

ער שרייבט אויף גרויסע בויגענס פּאַפּיער, לאַנגע קיילעכ־דיגע שורות, ווי אַמאָליגע רבנים פלעגען שרייבען, און דאָס כתב איז אָפט אַזוי קליין, אַז מען מוז עס כמעט לייענען דורך אַ פערגרעסער גלאָז.

און מיט אַזוי שנעלקייט שרייבט ער אויך אויף עטליכע אַנדערע שפּראַכען. נאָר דאָך היימישער אין שרייבען געפינט זיך סאָקאָלאָוו ווען ער שרייבט העברעאיש...

ווען ער שרייבט „מאַמע לשון" גיט ער זיך אַלע מיה, ער זאָל שרייבען נישט דייטשמעריש און אָהן פרעמדע ווערטער, נאָר אַזוי ווי דער עולם רעדט.

ער שרייבט אין וועלכע צייט עס איז, און וואָס עס קומט אויס. דאָס איינציגע, וואָס ער פאָדערט ביי זיין שרייבען, איז צו זיין „ביחידות", שעה'ן־ווייז קען ער זיך פערשליסען אין זיין קאַבינעט אין די גאַנצע צייט אַרבייטען.

סאָקאָלאָוו שרייבט אַלעס. אויסער פּובליציסטיק שרייבט ער וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען. ער האָט געפּרובט שרייבען אויך ראָמאַנען און אַפילו שירים.

אין וועגען דעם „אַלעס שרייבען" האָט ד. פרישמאַן אַמאָל כאַראַקטעריזירט אין אַ פעליעטאָן סאָקאָלאָוו'ן, אַז ווען סאָקאָלאָוו זאָל מיט אַמאָל פּלוצים אָנהייבען שפּיעלען אויף אַ פּיעדעל, אָדער אויף אַן־אַנדער אינסטרומענט, וועט ער זיך ניט וואונ־דערן, ווייל סאָקאָלאָוו קען אַלעס גרינג איבערנעהמען און האָט פעהיגקייטען צו אַלעס.

סאָקאָלאָוו נאָך 5 שעה אַרבייט ביי זיין שרייב־טיש געהט נאָך אויף פערשידענע „זיצונגען" פריש און מונטער, גלייך ווי ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ווי ער האָט גע־רוהט, נאָך זיין אַרבייט קען סאָקאָלאָוו'ען אויסקומען צו זיין אויף עטליכע „זיצונגען" און אומעטום צו דער צייט פּינקטליך

אָנקומען, האַלטען אָפט לאַנגע שענע רעדעס און ערשט דערנאָך קענט איהר איהם געפינען צווישען געזעלשאַפט, וואו ער פערברענגט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין יעדעס מאָל בלייבט זיך נאָר צו וואונדערן און פרעגען: ווען געפינט סאָקאָלאָוו צייט צו שרייבען זיינע פיעל אַרטיקלען?

ניט קענענדיג סאָקאָלאָווען, וועט איהר אין זיין אויסזעהען קיינמאָל ניט דערקענען, אַז דאָס איז אַ שריפטשטעלער.

צווישען געזעלשאַפט איז ער קיינמאָל ניט פערטראַכט, שטענדיג אויסגעפּוצט, די קליידער און בעסטען אָרדנונג, געלאַסען און בעטראַכט אין יעדעס וואָרט, אין יעדער בעוועגונג און בכלל וועט מען קיינמאָל אין סאָקאָלאָוו'ען ניט בעמערקען קיין זאַך, וואָס זאָל אָנווייזען אויף דעם עפּעס משונה'דיגען וואָס מען בעמערקט גאַנץ אָפט צווישען שריפטשטעלער.

סאָקאָלאָוו אַלס שריפטשטעלער איז ער נאָר ביי־זיך אין צימער, דאָרטען פערטראַכט ער זיך וועגען זיין שרייבען, און אויסער זיין צימער איז ער אַ כלל־טהוער און אַ אָנגעזעהענער פערזאָן, אין וועלכער געזעלשאַפט ער זאָל זיך ניט געפינען.

מ. ספּעקטאָר.

איינער האָט געזאָגט אַ מיינונג וועגען מ. ספּעקטאָר, אַז ער איז בלויז אַ פאָטאָגראַף, וואָס חאַפּט אַראָב דעם מאָמענט; אָבער דאָס איז זעהר ווייט פון אמת. דאָס לעבען איז נישט קיין קאַזאַרמע און מענשען זענען נישט קיין פאָלקען סאָלדאַטען, וואָס מען זאָל דאָס קענען אָבפאָטאָגראַפירען; די וועלט איז אַזוי גרויס און רייך, דאָס לעבען איז אַזוי פערפלאָנטערט און אַזוי פיעל־פאַרביג, אַז דער קינסטלער זאָל דאָס נישט איבערארבייטען אין זיין פאַנטאַזיע, בעלויכטען מיט זיין נשמה־שיין, וואָלט אַרויסגעקומען נאָר אַ תהו ובהו, אַ ווילדעס בילד. אַ אמת׳ער בעלעטריסט קאָן נישט זיין קיין טרוקענער פאָטאָגראַף. און ספּעקטאָר איז אַ אמת׳ער בעלעטריסט. מיט אַ לעבעדיגער פאַנטאַזיע, מיט אָפענע אויגען, מיט דעם גאָב פון גאָט צו לעבען און שאַפען, צו זעהן און דערצעהלען.

דערצעהלען דערצעהלט ער ווי אַ הומאָריסט, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, רוהיג, אָהן בעזונדערע התפעלות, אָהן ציטער און פערוואונדערונג. זיין הומאָר איז אַ קלאַסישער, ער דערגרייכט ניט צום הומאָר פון ר׳ מענדעלי, וועלכער

נעהמט אַרום מיט זײַן אויג דאָס גאַנצע יודישע לעבען, די גאַנצע יודישע אומה מיט איהר „אָך און װעה“, מיט איהר „עט“ און „נעביך“.

ספּעקטאָר'ס הומאָר איז מעהר עהנליך צום הומאָר פון שלום עליכם. ער דערהויבט זיך נישט איבער דער גאַנצער נאַציע, זאָגאַר נישט איבער זײַנע געשילדערטע טיפּען, ער לעבט איבער דאָס, װאָס זײ לעבען איבער, פיהלט דאָס, װאָס זײ פיהלען, און װי אַ קלאַסישער הומאָריסט, שילדערט ספּעקטאָר נאָר דאָס אָפּענע, דאָס בולט'ע און נישט די פערבאָרגענע זײַטען פון דער מענשליכער נשמה, נישט די קנײטשען, די אײַדעלע שטריכען פון לעבען. איהם אינטערעסירט דאָס נישט, ער האָט פײַנט נאָכצוקוקען דעם מענשען און זײַן אײַנזאַמקײַט, און זײַן לעבען בחדרי חדרים; ער האָט בעסער ליעב „קהל“, ער האָט ליעב זײַן אין „רעדעל“, צװישען אַלע און אין די אויגען פון אַלע, אויף דער אָפענער װעלט. ספּעקטאָר שװימט מיט'ן שטראָם, האָט ליעב דאָס אָפּענע, רױשיגע לעבען, װען עס שפּינט זיך און װעבט זיך; אין דער צײַט פון השכלה, װען װען מענדעלי האָט געשריבען די „טאַקסע“, די „קליאַטשע“, װען מען האָט בײַ אונז קריטיקירט די אינערליכע אָרדנונג פון אונזער לעבען, װען מען האָט געקעמפּפט מיט'ן „קהל“, מיט די פּרנסים, מיט'ן אַלטען דור, — האָט ספּעקטאָר געשריבען זײַן „ר' טרײַטעל“. אין דער צײַט פון חבת־ציון, פון עמיגראַציע האָט ער אָנגעשריבען דעם „יודישען מוזשיק“, װעלכער איז אין זײַן צײַט געװען אונגעװעהנליך פּאָפּוליער, און אין דער צײַט פון דער רעװאָלוציע האָט ער אָנגעשריבען „אברהם זילבער־צװײַג“. שטענדיג לעבעדיג, שטענדיג מונטער, מיט עפּעס אַ מין פיזישע געזונדהײַט אין דער נשמה, קוקט ער אויף אַלץ מיט אַ געזונדען הומאָר, איז פערהעלטנים־מעסיג זעהר פּרוכט־באַר. טראַגעדיעס װעט איהר בײַ איהם נישט געפינען, לײַדען און פרײַדען האָבען בײַ איהם אײַן פּנים, אָבער דערפאַר האָט ער אַ פאַנטאַזיע פון אַ אמת'ען דערצעהלער, אַנ'עכטען הומאָר,

א מין פיזישע פרעהליכקייט און ווען איהר לייענט זיינעם א ראַמאַן, שפירט איהר, ווי איהר שפאַצירט אויף א לאַנגען, גלייכען טראַקט, אהן קרומע וועגען, אָהן טאָלען און גריבער, אונטער'ן אָפענעם קלאָרען הימעל.

אַזוי איז ער אויך און זיין אַרט שרייבען. ער שאַפט נישט אין איינזאַמקייט, דאָס טעמא ווערט ביי איהם דאָס רוב געבוירען צווישען קאַלעדיגען לעבען, שפּאַצירענדיג און גאַס ביי א שמייכלענדע זון, אָדער פערברענגענדיג אין א געזעלשאַפט. ווי נאָר די פאַנטאַזיע הויבט אָן אַרבייטען, איז ער שוין פעהיג צו שרייבען. אויף איהם קאָן מען אָנווענדען, וואָס טורגעניעוו האָט אַמאָל געשריבען וועגען רוסישען שריפטשטעלער באָבריקין: „איך שטעל זיך פאָר, אַז באָבריקין וואָלט קענען זיך זיצען און שרייבען א ראָמאַן 5 מינוט נאָך דעם וועלט-אונטערגאַנג, זיצענדיג אויף די הורבות פון דער בריאה און שילדערנדיג די וועלט און איהר אונטערגעהן”.

אמת, בשעת די „וועהען”, פאַר'ן „געבוירען”, איז ספּעקטאָר צוטראָגען, צורודערט, אַ ביסעל זאָגאַר אין אַ אומגעלומפּערטער פאָרם, אָבער ווי נאָר די וועהען ענדיגען זיך, דאָס „קינד” ווערט געבוירען צו מזל, ווערט ער מונטער, אויפגעלעבט און זעצט זיך אַרבייטען מיט אַ רוהיגען שמייכעל. על פּי רוב האָט ער ליעב אַרבייטען בהרחבה, אויסטהוענדיג זיך די מאַרינאַרקע, ביי אַ גרויסען טיש, אָבער ביחידות. אַרבייטען האָט ער ליעב נאָר ביי טאָג, ווען די זון שמייכעלט אַריין אין פענסטער, אויפ'ן שרייב-טיש מוזען ליגען עטליכע פעדער, דער פּאַפּיראָס געהט נישט אַרויס פון מויל. ער קוועטשט זיך נישט, איז נישט צוטראָגען, נִיט אויפגערעגט, נאָר רוהיג אָבער געשמאַק זיצט ער זיך און אַרבייט, ביז ער ענדיגט.

נאָכ'ן שרייבען איז ער על פּי רוב זעהר אויפגעלעגט, רויטעלט זיך, האָט ליעב צו רעדען און צו פערברייננגען אַלאַנגע צייט צווישען געזעלשאַפט; אָפט מאָל טרעפט ביי איהם, אַז נאָך דער „אַרבייט”, אויף וועלכע ער האָט פערבראַכט פיעל

שעה׳ן, געהט ער אוועק ערגעץ אין טעאטער, אין א גארטען, און קאן דארט אבזיצען נאך אלאנגע צייט. נאך דעם אבשריי־בען ווערט ער צו זיין „קינד“ גאנץ גלייכגילטיג און איז שוין גרייט צו שרייבען א נייע זאך.

א. ריקלים.

ש. פרוג.

אַלעס איז אין איהם שען און געפוצט, אַלעס איז אין איהם פּאָעזיע, אומעטום וועט איהר און איהם געפינען דעם פּאָעט; אין זיין שרייבען, אין זיין כתב, אין זיין רעדען, אין זיין אַרט לעבען, אין זיינע בעוועגונגען אפילו אין זיין וואָהנונג, וועט איהר געפינען דאָס אַלעס צוזאַמען וואָס איך האָב פריהער אויסגערעכענט, —אַ שענעס ע״זי״עס, צאַרטעס וועזען מיט שענע אַריסטאָקראַטישע און עדעלע מאַניערען.

געפינט איהר זיך און זיין וואָהנונג און איהר רעדט מיט פרוג׳ען, דערפיהלט איהר באַלד, אַז איהר זענט אָבגעזונדערט פון דער פּראָסטער פּראָזאַאישער וועלט און פאַלט אַריין עפּעס אין אַ מין „רוחניות״, וואו צוזאַמען מיט פרוג׳ען רוהט אָב איי-ער נשמה און האָט עפּעס גרויס הנאה.

איך קען ניט קיין צווייטען, וואָס זאָל קענען אַזוי שען און ריין רעדען יודיש ווי פרוג.

אין זיין יודיש רעדען וועט איהר ניט געפינען קיין פרעמדע ווערטער, פרוג רעדט יודיש וואָס יודיש הייסט, ער איז קינס-טלער ניט נאָר אין זיין שרייבען ער איז אויך דער גרעסטער

קינסטלער אין זיין יודיש רעדען אויף וועלכען מען דארף זיין אַ מבין און נאָר דער מבין קען פערשטעהן די קונסט פון שען און ריין רעדען יודיש. אַזעלכע מבינים האָבען די גרעסטע עס־טעטישע הנאה פון פרוג׳ס יודיש־רעדען, ווי פון הערען אַ שענע מוזיק אָדער זעהן אַ גרויס קינסטלעריש בילד.

פרוג איז אַ שטענדיגער ליבלינג ביי זיינע לעזער און בע־קאַנטע. אַנדערש קען עס ניט זיין. דען אויסער זיין שרייבען ברויכט מען איהם קענען פערזענליך.

פאַר די פיעל יאָהרען זינט איך קען פרוג׳ען איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען פון וועמען עס איז צו הערען וועגען פרוג׳ען אַ שלעכט וואָרט נאָר אַכטונג און ליעבע, ליעבע צו איהם אַ סך.

דערהויפט הערען ניט אויף מיט התלהבות צו רעדען ווע־גען איהם די, וועלכע קענען איהם פערזענליך און זענען גע־קומען מיט איהם אין נאָהענטע בעציהונגען.

הויך געוואַקסען און גלייך ווי אַ סטרונע קוקט ער אויף אייך מיט זיינע העלע קלוגע אויגען. און ווען ער הויבט אן צו־רעדען מיט אַ שטילער, נאָר אַ זיסער און דייטליכער שטימע, בע־ווייזט זיך אויף זיינע ליפען אַ זעלטענער שענער ליעבער שמיי־כעל, וואָס ציהט אייך באַלד צו צו איהם און קיינמאָל וועט מיט זיין שמייכעל ניט ווערען לאַנגווייליג זיינע רעד, און אייביג וואָלט איהר איהם געוואָלט הערען רעדען.

איבערהויפט איז פרוג אינטערעסאַנט דאַן, ווען ער צו־רעדט זיך; עס בעווייזט זיך אויף זיין בלאַס כמעט ווייס פנים קוים אַ בעמערקענדיג רויטליכקייט און דאַן ווייזט זיך אוים, אַז די שכינה רוהט אויף זיין פנים — די מוזע האָט איהם אַרומ־געחאַפט, און דאַן וואָלטען זיך זיינע רעד זיך אויסגעגאָסען אין די שענסטע שירים...

ווען פרוג זעצט זיך שרייבען מוז אַלעס זיין אין בעסטען אָרדנונג, אַליין אויסגעפוצט ווי גלייך ער האָט זיך אָנגעטהון צו געהן ערגעץ אויף אַ חתונה; אויף זיין שרייב־טיש, וועלכער איז שטענדיג אָנגעשטעלט מיט פערשידענע גרעסערע און קלע־נערע זאַכען וואָס האָבען אַ שייכות צו אַ שרייב־טיש, מוז יעדע

זאַך ליגען אויף אַנ׳אָרט. און דאַן ביחידות, ביי דער גרעסטער שטילקייט און און רוהיגקייט גיסט זיך אויס זיין שאַפונג אין שעגע געפערעלטע אותיות.

שטערען פרוג׳ען מיט עפּעס בעת ער אַרבייט ווינש איך ניט קיינעם, אויף זיין געזילט גיסט זיך אויס טרויער און יסורים, וועלכע לאָזען איהם אַזוי אויך ניט אָב בעת ער שרייבט.

און די יונגע יאָהרען ווען ער איז געקומען פון די חערסאָנער סטעפּעס קיין פּעטערבורג האָט זיך איהם געשריבען גרינג און ביי אַלע בעדינגונגען. אין די רעדאַקציעס, ביי זיך צו הויז, צווישען בעקאַנטע און אומעטום וואו ער האָט זיך נאָר געפינען האָט ער געקענט נעמען די פעדער און שאַפען.

איצטער איז אַנדערש, איצטער קומט צו איהר די מוזע נאָר אין זיין רוהיגען קאַבינעט ביי זיין אייגעפוצטען שרייבטיש.

ד. פרישמאַן.

דער „בייזער“ „בייסענדיגער“ פרישמאַן, וועלכע אַזוי אָנגע־לעזער שטעלען זיך איהם פאַר פון זיין שרייבען איז גאָר אַנ־דערש ווען איהר בעקענט זיך מיט איהם פערזענליך. ער איז מיט אייך ליעבליך אָבער מיט אַ מאָס, איינגעהאַלטען, ער וועט אייך וועגען קיינעם ניט זאָגען קיין קאָמפּלימענטען אָבער איהר וועט שטענדיג פון איהם הערען אַ קלוג וואָרט, אַ ריכטיגע שיל־דערונג וועגען מענשען און זאַכען; און אָפטמאָל איז פון פריש־מאַנען ליעבער אויסצוהערען אַ שטרענגע ערנסטע שילדערונגען, ווי פון איין אַנדערען זיסע רעד און לויבונגען.

פון לויבונגען קאָמפּלימענטען וועגען זיין שרייבען האָט ער ניט ליעב אויסצוהערען, און ווען איינער הויבט אַמאָל אָן צו ריי־דען אויף דער טעמאַ, געפינט שוין פרישמאַן ווי אַזוי באַלד איבערצוגעהן אויף עפּעס אַנדערש.

פרישמאַן דורך זיינע ברילען וועלכע געהען ניט אַראָב פון איהם נעמט אַ מענשען באַלד דורך, און ער קען איהם שוין און איהר מעגט שוין זיכער זיין, אַז ער קען די פּערזאָן ריכטיג שילדערען.

בכלל, זולט פּרישמאַן קיינמאָל ניט קיין טעמאס צו זיי שרײַבען. ווען ער זעצט זיך שרײַבען, ווערט געבוירען ביי איהם די טעמא. „עס איז דען אַנ'אונטערשיעד וואָס מען שרײַבט נאָר ווי אַזוי מען שרײַבט", האָט ליעב פּרישמאַן צו זאָגען ווען איהם קומט אוים צו הערען אַז דער און דער שרײַבער האָט בדעה צו שרײַבען אויף דער און דער טעמא.

און ווי אַזוי שרײַבט פּרישמאַן?

קיינעם קאָסט ניט אַזוי פיעל אַרבייט אַזוי פיעל געזונד דאָס שרײַבען ווי פּרישמאַנען!

שווער קומט איהם אָן איידער ער זעצט זיך צום שרײַב־טיש. ווי אַ קינד וואָס וויל ניט געהן אין חדר אַזוי ווילט זיך איהם ניט זעצען שרײַבען.

און ווי ער זאָל זיך שוין ניט פערטיג מאַכען צום שרײַב־טיש, קומט עמעצער אָן איהם פאַרלעגען שפּיעלען אַ שאַך אָדער אַ ווינט, (די איינציגע שפּיעלען וואָס ער האָט ליעב) אָדער גלאַט אַ כּיסעל אַזוי שמועסען, וועט ער גערען אַוועקוואַרפען זיין שרײַב־טיש און זאָגאַר אָפּט איבעררייסען זיין אַרבייט.

נאָר ווען פּרישמאַן שרײַבט, טהוט ער דאָס מיט לײַב און לעבען. עס אַרבייט דאַן אין איהם אַלעס, אינגאַנצען איז ער אַרײַנגעטהון אין דער אַרבייט.

פון דערוויייטענס ווייזט אוים ווי כמעט אַ האַלבער קער־פּער ליגט איבער דעם שרײַב־טיש מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ נאָהענט צום פּאַפּיער, דאָס האַרץ איז אָנגעלענט אויף דעם טיש און פיהרענדיג די פּעדער איבער דעם פּאַפּיער, זעהט אוים דאָס געזיכט ערענסט און ליידענדיג.

אַזוי שרײַבט פּרישמאַן!

און עס איז ניט קיין וואונדער, יעדער געדאַנק יעדעס וואָרט ווערט בעטראַכט. און אין וואָס פאַר אַ שפּראַכע ער זאָל ניט שרײַבען, צעהלט ער יעדעס וואָרט, ער קען ניט איבער־טראָגען קיין איבריג וואָרט אָהן וועלכען מען קען זיך בעגעהן. די שפּראַכע, דער אויסדרוק ווערט ביי איהם געפּוצט, געליי־טערט און געזיפּט.

ער וועט בײַ זיך קײנמאל ניט פועל'ען שרײַבען גלאט אזוי פון „ארביל ארויס".

בײַ איהם איז ניטא קײן גרינגע און שווערע ארבײט. צו שרײַבט ער א עלט בעלעטעריסטישע זאך, קריטיק, שירים אדער א „גרינגען" פעליטאן, אלעס אלעס ווערט בײַ איהם שווער און געטרײַ געארבײט.

ווען ער איז שוין אינגאנצען פערטיג מיט זײַן ארבײט, ווען עס קומט גראדע אן א גוטער בעקאנטער האט ער ליעב איבער צולײענען זײַן שרײַבען אין כתב יד. און כמעט קײנמאל קומט איהם ניט אויס בײַם לײענען אויסצובעסערען א ווארט, אזוי אינגאנצען פערטיג איז בײַ איהם די ארבײט ווען ער הויבט זיך אויף פון טיש.

פרישמאן איז א גרויסער ליעבהאבער פון סיגארען מיט וועלכע ער צושײדט זיך ניט ווען ער שרײַבט. גאנצע קעסטליך מיט סיגארען געפינען זיך אין זײַן שרײַב־טיש, און בכלל זעהט מען פרישמאנען זעלטען אהן דעם דיקען סיגאר אין מויל. „גאנצע קאפיטאלען לאזט פרישמאן מיט דעם רויך", האט זיך אײנער אמאל אויסגעדריקט וועגען זײַן רויכערען. אין די אמאליגע יאהרען ווען דער האנאראר פאר יודישע שריפטשטעלער איז געוועזען זעהר קלײן האט מען זיך געווערטעלט: אז פרישמאנ'ס סיגארען וואס ער רויכערט אויס בעת ער שרײַבט אנ'ארטיקעל, טרעפט מען מעהר ווי דער האנאראר פון ארטיקעל".

י. ל. פרץ.

י. ל. פרץ איז דער עלטסטער שריפטשטעלער נאך די יאהרען, (אויסער מענדעלי מוכר ספרים) נאר נאך זיין אויסזעהן איז ער יונגער און לעבעדיגער פון אסך יונגע. זיין שטימע אין רעדען און אין פארלעזען קלינגט יונג, אפילו זיין געזיכט רויטעלט זיך אפטמאל ווי ביי א יונגען מאן, דערהויפט דאן ווען ער שרייבט.

ווען פרץ שרייבט איז ער אויפגעלעגט, און ווען ער איז אויפגעלעגט זעצט שרייבט ער.

אויף פרצ'ן קען מען זאגען אז ער שרייבט טאנצענדיג און זינגענדיג און, ווען ער שרייבט לעבט ער און איז פרעהליך.

מיר איז אמאל אויסגעקומען צופארברענגען מיט פרצ'ן א גאנצע נאכט ניט שלאפענדיג, און אין דערפריה אנשטאט זיך צולעגען שלאפען, אברועהען זיך פון וואך-נאכט — האט ער זיך צוגעזעצט צום שרייב-טיש און אנגעשריבען איינע פון זיינע שענסטע זאכען.

פרץ ציילענט זיך אויס צווישען אנדערע שריפטשטעלער

אויך מיט דעם, וואס ווען עס זאל קומען צו איהם אנ׳ארויסגעבער, האט ער שטענדיג פאר איהם „סחורה״ ווי די ארויסגעבער רופען אן „כתב־יד׳ן״. — א חסידישע מעשה, א „סקיצע״, א ערצעהלונג. און ווען עס קומט צו איהם אג׳ארעמער ארויסגעבער וואס קען נאר קויפען עטליכע שורות, האט ער פאר איהם א שיר פון עטליכע שורות.

קיין ארויסגעבער געהט ניט אוועק פון פרצ׳ן מיט לעדיגע הענד.

פרץ האט א שוואכקייט צו דערצעהלען, אז ער שרייבט א ״גרויסען ראמאן״. און וועגען דעם גרויסען ראמאן, וואס ער האט בדעה צו שרייבען, דערצעהט ער שוין א יאהר צוואנציג.

דערהויפט שרייבט ער א סך, ווינטער־צייט. איז ער פערנומען מיט גרויסע פלענער, וועגען אנשרייבען נייע גרויסע ווערק, נייע אויסגאבען, נייע חבורים א. ד. ג. קומט אבער פריהלינגס־צייט, צוגעהען זיך די גרויסע פלענער ווי דער לעצטער שניי פאר דער פריהלינגס־זון. אזוי ביז א נייעם ווינטער, ווען פרץ נעהמט זיך ווידער א סך שרייבען און ווידער צו נייע פלענער.

אפט פאלט אריין דער „יונגער״ לעבעדיגער פרץ און מרה שחורה, ער ווערט טרויעריג, קאפריזנע, קיין זאך אינטערעסירט איהם ניט, צו אלעם ווערט ער גלייכגילטיג, אלעס ווערט איהם ליינגווייליג און ווייסט פשוט ניט ווי א הין צוטהון זיך. עס איז איבער גענוג ער זאל זיך בעגעגנען מיט גוטע בעקאנטע, פערברענגען אדער שפאצירען צוזאמען. דאן ווערט ער דער זעלבער יונגער לעבעדיגער פרץ.

פרץ האט זעהר ליעב דאס לעבען, און ער לעבט דאן ווען ער געפינט זיך אין רעש און אין געזעלשאפט, ער האט קיין מאל ניט ליעב צו זיין אליין, פון דעסטוועגען פאנטאזירט ער צייטענווייז: וואוינען אין א דארף אדער אין א קליין שטעדטיל אונטער דער שטאדט, נאר ניט אין דער גרויסער רעש׳ענדיגער שטאדט.

ער האט ליעב אפט פאהרען, און דאכט זיך ניט אזוי־

צוליעב זײַנע פאָרלעזונגען אין פערשיעדענע שטעדט — נאָר צו ליעב דעם פאָהרען זעלבסט. ער פאַנטאַזירט אויך וועגען ווײַטע רײַזעס אַפילו איבער׳ן ים קײן אמעריקאַ.

פּרץ האָט ליעב געזעלשאַפט און מענשען, נאָר ער בינדט זיך ניט צו קײנעם.

פּרץ האָט ליעב אײביג צו בויען און פּלאַנעווען, נאָר שטענדיג אָהן אַ פּלאַן אָהן אַ תכלית — פּונקט ווי קינדער בויען שטיבלעך פון קאָרטען; בויען און דער נאָך מיט די אײגענע הענד אַלײן צושטערען.

ער לעבט שטענדיג נאָר מיט דעם הײַנט, און אויך דער הײַנט ווערט איהם לאַנגווײַליג.

ער האָט אַזוי ליעב דעם רעש, געהן און פאָהרען; ער האָט אַזוי ליעב „דאָס האָבען וואָס צוטהון", אַז דאַכט זיך ווען מען זאָל איהם אויף וועקען פון שלאָף, וואָלט ער ניט געטראַכט אַ מינוט און וואָלט געלאָפען, געגאַנגען און געפאָהרען. ער האָט ליעב דאָס לעבען, און האָט פײַנט אַלעס וואָס איז טויט און אָבגעשטאָרבען.

פּרץ זעצט זיך ניט צום שרײַב־טיש, ביז ער האָט ניט קײן פערטיגע טעמאַ; דערפאַר אָבער איז אַלעס בײַ איהם אַ טעמאַ, וועגען אַלעס שרײַבט ער.

הלל צייטלין.

עס איז דא שריפטשטעלער, ווען איהר וועט זיי ניט קע־נען פערזענליך, וועט אייך ביים בעגעגנען, קיינמאל ניט איינ־פאלען, אז איהר זעהט פאר זיך א שריפטשטעלער.

ווען איהר זאלט בעגעגענען הלל צייטלין, וועט אייך באלד איינפאלען, אז עס איז ניט קיין געוועהנליכער יוד: לאנגע האר אויף דעם קאפ, א לאנגע בארד. און שטענדיג א פערטראכטער דערצו אנ'אריגענעלעס געזיכט, וואס מען בעגעגענט אפט אויף די בילדער פון געלעהרטע שריפטשטעלער פון 18־טען יאהר־הונדערט.

ער אליין אין זיין טעגליכען לעבען און אין זיין ארט שרייבען איז מאדנע אריגינעל: וועגען אלעס רעדט ער מיט פייער, אלעס שרייבט ער מיט פייער, מיט א ברען און ווי א שווע־בעלע צינדט ער זיך אן וועגען יעדע זאך. שרייבט ער וועגען א ערענסטען ענין וואס ריהרט אן דעם גאנצען כלל ישראל, צו וועגען א איינצעלנעם פערזאן, וואס איז אריינגעפאלען אין איין אומגליק און מען ברויכט א נדבה עטליכע רובעל; אדער וועגען אנ'אנדער פאקטעל פון טעגליכען לעבען. אלעס שרייבט ער

מיט דעם זעלבען געוואלד, מיט דעם זעלבען פייער און ברען.
יעדע זאך וואס ער זאל ניט שרייבען, מוז ער האבען הכנות: שטיל ביחידות אין א באזונדער צימער ארומגעלעגט מיט ספרים.

און ווען איהר זאלט גראדע אנקומען און ניט וויסען, אז דאס שרייבט א זשורנאליסט, א שריפטשטעלער א צייטונגס אר־טיקעל אדער א ווערק, וועט איהר מיינען, אז דא זיצט א רב איבער ספרים, וואס דארף פסקענען א שווערע פערפלאנטערטע שאלה.

ווען צייטלין שרייבט שאקעלט ער זיך איבער דעם בויגען פאפיר מיט דער פען אין האנד, ווי איבער א בלאט גמרא. דער־ביי זינגט ער זיך צו און באמבקעט צו עפים א שטיל ריה־רענדעס חסידיש נגון׳דיל. אהן קיין נגון געהט ביי איהם ניט ארוים קיין ווארט פון אונטער דער פעדער.

איינמאל איז צו צייטלינ׳ען געקומען דאס „יונגעל פון רעדאקציע״:

— איך בין געקומען נאך דעם ארטיקעל פאר׳ן היינטי־גען נומער, די זעצער ווארטען, — האט דאס יונגעל געזאגט. געפינענדיג איהם מיט דער פען אין דער האנד איבער דעם פאפיר, זינגענדיג זיין חסידיש נגון׳דיל.

— דו וועסט מוחל זיין קומען אין א האלבע שעה ארום— איך ל ע ר ע ן נאך... האט איהם צייטלין געענטפערט.

און אט דער קורצער ענטפער כאראקטעריזירט הלל צייטלינען אם ריכטיגסטען: ווי גלייך אין זיין לעבען איז גאר ניט געשעהן, אמאל האט ער אין בית המדרש אדער אין ישיבה געלערענט איבער ספרים, און איצטער לערענט ער איבער צײ־טונגס־ארטיקלען.

ווי ער שרייבט אזוי רעדט צייטלין אין זיינע פארלעזונגען וועלכע קומען אפט פאר. מיט דעם זעלבען פייער און חסידישען ברען ווי ער שרייבט. זיין שטימע איז שטיל אבער הארציג, און דעריבער מאכט זיין שרייבען, ווי אויך זיין רעדען כמעט שטענ־דיג א געוויסען איינדרוק.

אַבְרָהָם רֵייזֶען.

אברהם רייזען האָט אָנגעשריבען עטליכע בענדער „פּראָזע“ און אַ פּאָר בענדער לידער, נאָר ווען און ווי אַזוי ער האָט זיי אָנגעשריבען — איז שווער זיך פאָרצושטעלען.

דעם גאַנצען טאָג וועט ער איהם געפינען אַרומגעהענדיג צווישען די יודישע בוכהענדלער איבערקוקענדיג אַלע נייע ביכער, אין די יודישע רעדאַקציעס, אָדער גלאַט שפּאַצירענדיג אין גאַס אָדער פערברענגענדיג ביי בעקאַנטע.

און אויף דער נאַכט איז דאָ קאָנדיטערייען אָדער טעאַטער.

שטענדיג איז רייזען מיט עפּעס פערנומען, בעשעפטיגט, האָט קיינמאָל קיין צייט נישט; דאָך געפינט ער צייט צו שרייבען, און די צאָהל בענדער פון זיינע שריפטען — פערגרעסערען זיך מיט יעדעם יאָהר.

און אויף דער פראַגע: ווען ער שרייבט? וועט אייך רייזען אַליין ענטפערען, ווען איהר וועט איהם די פראַגע שטעלען:

— דאָס שרייבען איז אַ קלייניגקייט, מען ברויכט דערויף נישט קיין פיעל צייט, דערהויפּט איז — האָבען וואָס צו שרייבען. און ווי באַלד אַז איך האָב וואָס, איז דאָס שרייבען

זעלבסט אַ גאָרניִשט. בּפרט נאָך, ווען מען שרײַבּט קלײנע זאַכען אָדער אַ ליִדעל.

און בּײַ רײזענען איִז דאָס ריִכטיִג. ער געפיִנט זײַנע טעמעס געהענדיִג איִן גאַס, אָדער ווען ער קומט צוויִשען געזעלשאַפט. ער שעפּט אַלעס פון לעבּען. און „שרײַבּט אַ גאַנצע טאָג ווי ער געהט און געפיִנט זיִך“; און נאָר דאַן ווען ער קומט אַהײם קאָפּירט ער עס אָב אויף פּאַפּיר...

זיִך צוגעזעצט אַ בּיִסעל צום טיִש — און פערטיִג: עס איִז שוין דאָ אַ בּיִלדעל, אַ „סקיִצע“ אָדער אַ ליִדעל.

רײזען פערזיִכערט, אַז זײַן שרײַבּען נעהמט בּײַ איִהם פיִעל צײַט אַוועק; ווײַל יעדע זאַך וואָס ער שרײַבּט — מוז עס פריִהער בּײַ איִהם „איִבּערקאָכען“, בּיז ער קומט צום שרײַבּען.

שלום עליכם (ש. ראבינאוויטש.)

שווער איז, אז שלום עליכם זאל ארויסקומען ריכטיג דורך א מאמענט־פאטאגראפיע. קען דען ארויסקומען ריכטיג, ווען מען זאל ווען פאטאגראפירען קוועק־זילבער, וואס פון דער נאטור שטעהט עס ניט איין אויף אן׳ארט?

האראקטעריזירען שלום עליכם אין עטליכע ווערטער איז זעהר שווער. ער איז שטענדיג פול מיט לעבען; אז איך זאג „שטענדיג", מיין איך, אז קיינמאל וועט איך ניט געלינגען זעהען שלום עליכם׳ען טרויעריג; שטענדיג וועט ער אייך בעגעגענען מיט א לעבעדיג פרעהליך שמייכעלע, פון וואס איהר זעלבסט ווערט אויפגעלעבט. און שעה׳ן לאנג וואלט איהר געוואלט פערברענגען אין זיין געזעלשאפט.

אויף זיין פנים וועט איהר ניט בעמערקען קיין טרויעריגע מינע, און אין זיין רעדען קיין איינציגען טרויעריגען טאן. און דאך?... אין דער זעלבער צייט, טיעף, טיעף ערגעץ אין די פערבארגענע ווינקעלעך פון זיין נשמה איז ער זעהר פערביטערט. זיין הארץ איז שטענדיג פערוועהטיגט. נאר אט דעם טרויער און וועהטאג מיט וועלכען זיין הארץ איז שטענדיג

איבערפולט, געהער זיך צו אײַך און צו קײנעם ניט אָן; דאָס בעהאַלט ער שטענדיג פאַר זיך אַלײן. פאַר אײַך אָבער און פאַר אַלע איז ער דער שטענדיגער לעבעדיגער פרעהליכער שלום עליכם, פון וועלכען איהר האָט שטענדיג גרויס הנאה, סײַ פון זײַן געוועהנליך רעדען מיט אײַך, און סײַ פון זײַן פאָרלעזען און פון זײַן שרײַבען.

אויב אין רעדען זעהט איהר נאָר פאַר זיך דעם פרעהליכען לעבעדיגען שלום עליכם׳ען, דערפאַר אָבער אין זײַנע ווערק וועט איהר אָפט אין מיטען געלעכטער דערפיהלען, דאָס פערביטערטע פערטרויערטע האַרץ פון דעם פערפאַסער.

און אָט אין דעם ליגט דער גאַנצער חאַראַקטער פון שלום עליכם׳ען.

אויף דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט די לעזער פון דעם ביכעל, ווי אַזוי שרײַבט שלום עליכם? קען מען ענטפערען אין קורצען: שלום עליכם שרײַבט וואו ער שטעהט און געהט...

ער שרײַבט בײַ זיך אין קאַבינעט בײַ אַ גרויסען שרײַבטיש, וואו עס איז אָנגעשטעלט שען שרײַב־געצײַג, און זיצענדיג אויף אַ ברײַטער שטוהל, וואו ער שרײַבט בהרחבה.

שלום עליכם שרײַבט אָבער אויך וואו עס קומט איהם אוים: אויף אַ קלײן ווינקעל טישעל, אויף דער „שאַלאָוואַניע“ פון אַ פענסטער, בײַ אַ בעקאַנטען אין שטוב וואו ער פערזיצט זיך אַמאָל, און טאַקע אויף דעם אָרט וואו ער זיצט—דאָרט שרײַבט ער.

שלום עליכם שרײַבט פיעל אין וואַגאָן, ווען ער פאָהרט. און דאַכט זיך אַז ווען איהם קומט אוים צופאָהרען מיט אַ בעל־עגלה, שרײַבט ער אויך זיצענדיג אין דער בויד.

און שרײַבען שרײַבט ער ווי אַזוי עס מאַכט זיך און מיט וואָס עס מאַכט זיך: מיט אַנ׳אַמעריקאַנער „וועטשנע“ פעדער און מיט אַ שוואַרצען רויטען אָדער בלאָען בלײַפעדער. און דאַכט זיך, ווען ער זאָל בײַ זיך אָט די אויסגערעכענטע שרײַב־אינסטרומענטען גראַדע ניט האָבען, און עס וועט איהם אָנקומען

דאס שרייבען, וועט ער שרייבען מיט א קויל אדער מיט אנגע־ברענטע שוועבעלעך.

ביי שלום עליכם׳ען איז שרייבען לעבען און לעבען שריי־בען; און דעריבער, וואו ער זאל זיך ניט געפינען, האט ער ביי זיך א פעדער מיט פאפיר און שרייבפענדלעך.

אין דער צייט ווען ער האט זיך געפינען אין א סאנא־טאריום און די דאקטוירים האבען איהם שטרענג פערבאטען שרייבען, האט ער דעם פערבאט ניט געקענט אבהיטען, און ער פלעגט בגנבה פאר די קראנקע און בעדינטע—שרייבען ליי־גענדיג אין בעט.

שלום עליכם האט ליעב צושרייבען אויף דעם שענסטען פאפיר פון אלערליי פארמאטען און קאלירען, ער האט אויך ליעב ביי׳ם שרייבען רויכערען סיגארען.

צו טייערע סיגארען און גוט פאפיר האט שלום עליכם געהאט א שוואכקייט פון תמיד אן ווען ער שרייבט.

די לעצטע פאר יאהר איז ער נאר געבליבען ביים גוטען פאפיער, וויל די דאקטוירים האבען איהם רויכערען פערבאטען.

אלע פערבאטען קען שלום עליכם איבערטראגען, נאר ניט דעם פערבאט פון שרייבען.

יודישע שריפטשטעלער
אין אַמעריקאַ.

כאַראַקטעריזירט פון ס. ק. שנעעפאַל

אוים ניו־יאָרק.

דוד פינסקי.

דוד פינסקי, דער ערצעהלער און דער דראַמאַטיקער, געהערט מעהר, צו דעם יודישען רוסלאַנד ווי צו דעם יודישען אַמעריקאַ, ניט קוקענדיג וואָס ער איז שוין אַ יאָהר 10 — 12 אַ תושב אין ניו-יאָרק און אין די דאָזיגע יאָהרען האָט ער דעם גרעסטען טהייל פון זיינע ווערק געשאַפען.

די וואָרצלען פון פינסקי'ס טאַלענט זענען צו טיעף איינגעוואַקסען אין דעם יודישען רוסלאַנד, און פון דער אַלטער היים ציהט ער זיין יניקה עד היום.

און נור פינסקי דער שריפטשטעלער לעבט מעהר אין רוסלאַנד ווי אין אַמעריקאַ, אויך פינסקי דער מענש לעבט מעהר אין אייראָפאָ—ווי אין אַמעריקאַ.

פינסקי איז פערבליבען איין אייראָפעער, ער וויל זיך נאָך אַלץ ניט „אַמעריקאַניזירען", ריכטיגער, „איסט-בראָדוויי'זירען"; ער ווייכט נאָך אַלץ פון דער בּאַוואוסטער גאַס איסט-בראָדוויי, אין ניו-יאָרק, וואָס שפּייזט דעם יודישען עולם אין אַמעריקאַ מיט צייטונגען, ביכער און „לעבטשורערס" (לעבטאָרס)...

פינסקי איז צופיעל אריסטאָקראַט בטבע כדי צו קענען

זיך אראבלאזען צו דעם המון, כדי צו ווערען אז אפאסטאל פון דער שרייענדיגער פוסטקייט און פון דער אנגעבלאזענער באמבאסטיק מיט איהר הויכען וואולגארען סטיל...

ווייל, דער ערשטער מאלער פון דעם יודישען ארבייטער, איז צו דערזעלבער צייט איינער פון די געצעהלטע אריסטאקראטען אין אונזער ליטערארישער משפחה. און לויט זיין אויסערליכען אויסגעזעהען, לויט זיין פערהאלטען זיך צו מענשען און זאכען, לויט זיינע מאניערען, רוהיגקייט געלאסענקייט און ניט געמאכטער העפליכקייט און דערהויפט טאקע, לויט זיין פילעזאפישען סיסטעמאטישען וויסען—געהערט פינסקי צו יענם מיפ אינטעליגענט, וואס מיר טרעפען צווישען די בעסטע פארשטעהער פון דער אייראפעאישער בורזשואזיע. —

פינסקי דעם שריפטשטעלער און פינסקי דעם מענש איז בעשערט געווען צו פערנעהמען אנ'אויגענארטיג ארט אין דער יודישער וועלט. פינסקי דער שרייבער האט דער ערשטער דעם איבערגאנגס-בריק געלעגט, וואס פיהרט פון דער בעל-הבתי'שער געסעל אין ווארשטאט, אין פאבריק אריין. ער האט ענטדעקט דעם יודישען ארבייטער אין דער יודישער ליטעראטור. און פינסקי דער מענש איז בלב ונפש טריי געבליבען די אידעאלען און אונטערעסען פון יענעם קלאס מענשען; וואס ער האט דער ערשטער געמאהלען.

און אין דעם פרט איז פינסקי א גליקליכער אויסנאהם ביי אונז.

און ווייט, העט-ווייט, פון דעם גאסען טומעל און פון דעם מארק-געשריי, וואס פערהילכט די ליטערארישע וועלטיל אין ניו-יארק, זיצט זיך פינסקי אין זיין קאבינעט און שרייבט איין ערצעהלונג נאך דער אנדערער און איין דראמע נאך דער צווייטער.

און ניט איינמאל האט צו איהם דער ליטערארישער מארק געוואונקען: קום צו אונז און מיר וועלען דיך בעלוינען מיט פעטע דאלארס און מיט פעטע „עליות”! און ניט איינמאל האבען איהם די מאסען-אפאסטאלען און די נביאי-השקר חנ'דעלעך געמאכט! און ניט איינמאל האט איהם די מאראם שונד איהר בעגולטען

טראָהן אָנגעבאָטען: קום און קיניג! שטאָלץ און מיט פערראַכטונג איז פּינסקי פערביי געגאַנגען. פערשלאָסען האָט ער זיך אין זיין קאַבינעט און האָט אַ נייַ ווערק פערטראַכט.

און אָפטמאָל, ווען די לופט פלעגט ווערען אַזוי שטיקענד, אַז מען האָט עטהעמען ניט געקאָנט, פלעגט ער אויף אַ ווייַלע זיין אַרבייטס־צימער פערלאָזען און פלעגט זיין שטים אין גאַס לאָזען הערען. דער עהרצעהלער און דער דראַמאַטיקער האָט זיין פּובליציסטישע אַרטיקלען געשריבען, פול מיט צאָרן און וואוטה. און גערעדט האָט ער צום פערפיהרטען און פערנאַרטען פאָלק און האָט איהם פיעל ביטערע אמת'ן געזאָגט.

און קומט אַראָב אַ יונגער מאַן פון רוסלאַנד, וואָס גאָט האָט איהם געבענשט מיט אַ פיהלענד האַרץ אָדער מיט אַ פונק טאַלענט, איז פּינסקי דער ערשטער געווען, וואָס האָט איהם ערמוטהיגט און געטרייסט. און עס איז כמעט ניטאָ קיין איינער פון די בעסערע יונגע שרייבער אין אַמעריקאַ, וואָס זאָל ניט האָבען מיטגעאַרבייט אין דער וועכענטליכער צייטונג „אַרבייטער“, וואו פּינסקי איז דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר.

און אַזוי שטיל, אָהן טומעל און אָהן רעד, אַרומגערינגעלט פון אַ הייפעלע אינטימע פריינד, לעבט זיך פּינסקי אין ניו־יאָרק.

און אַ דאַנק נור זיך אַליין, זיין טאַלענט און זיין וויסען. געהט פּינסקי פון איין ערפאָלג צום צווייטען.

ניט אַזוי גרינג איז פּינסקי'ן זיין ערפאָלג אָנגעקומען. פיינד און בלמרש'טיגע פריינד האָבען איהם אויפ'ן וועג שטיינער געלייגט. אָבער ער האָט דעם מוטה און דעם גלויבען קיינמאָל ניט פערלאָרען. ער איז זיך זיין אייגען וועג געגאַנגען און האָט זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צום זיעג.

ניט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען ווערען זיינע דראַמען מיט ערפאָלג אויפגעפיהרט אין אַמעריקאַ און אין רוסלאַנד, און גאָר די לעצטע צייט איז זיין „אוצר“ אויפגעפיהרט געוואָרען אינ'ם „דייטשען טעאַטער“ אין בערלין, און אויך אין רוסלאַנד אין „רוסישען טעאַטער“.

מאָריס ווינטשעווסקי.

פערלאָזען האָט ער רוסלאַנד, זיין שטיף-פּאָטערלאַנד, אין יענער צייט, ווען נור געצעהלטע מענשען זענען אין „גלות" געגאַנגען. די „אַנלייטונג" און דאָס פּאָדער-הויז פון דעם יודיש-אַמערקאַנישען לעבען איז ענגלאַנד (לאָנדאָן) געווען. ווער עס וועט וועלען ליינען דאָס בּוך פונ'ם יודיש-אַמערקאַנישען לעבען, וועט מוזען אָנהויבּען פון דער הקדמה — פון לאָנדאָן.

מאָריס ווינטשעווסקי'ס טהעטיגקייט, הויבּט זיך אויך אָן דאָ, אין לאָנדאָן.

די יודישע וועלט אין אייראָפּאַ האָט געהערט פון די פיזישע ליידען, וואָס די ערשטע יודישע עמיגראַנטען האָבּען געהאַט דורכצולעבּען. צו ווייסט מען אָבּער פון די גייסטיגע ליידען, וועלכע דער ערשטער עמיגראַנט-אינטעליגענט האָט אויף דעם בּאָדען פון דעם נייעם יודישען ישוב געהאַט אויסצושטעהן?

אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ פּאָלק און אָהן אַ שפּראַך; איינער אַליין, אויף אַ ווילד-פרעמדער ערד אונטער אַ פרייען, נור פרעמדען הימעל האָט ער זיינע ערשטע טריט געמאַכט. און אַ בּיסעל שפּעטער, ווען די יודישע וואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבּען צו

פערברייטערן, איז זי בעשטאַנען פון אַ פערהינגערטען, פערגרעבטען המון, וואָס איז געקומען צולויפען זיין הונגער צו זעטיגען און זיין דורשט צו שטילען און דאָס איז זיין איינציגער בעגעהר געווען. דער אינטעליגענט האָט זיך דאָ געפיהלט עלענד און פערלאָזט.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט מאָריס ווינטשעווסקי זיין פיעליזייטיגע טהעטיגקייט אָנגעהויבען.

און פערשטאַנען האָט ער, אַז אויב מען וויל באמת עטוואָס פאַר'ן פאָלק טהון, מוז מען די טייטעל אין האַנד נעהמען און גלייך פון „אלף בית" אָנהויבען.

אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלען צו זיין דער ערשטער דרדקי־מלמד פון דער יודישער מאַסע מעבר־לים. און, לאָמיר אגב בעמערקען, אַז גאַנץ אָפט פאָדערט זיך מעהר מוטה און מעהר איבערגעבענהייט, כדי די טייטעל אין האַנד צו נעהמען, איידער אַ ראש־ישיבה צו ווערען...

יונג איז נאָך דאַן מאָריס ווינטשעווסקי געווען, אָבער בעגייסטערט איז ער שוין געווען פאַר זיין אַרבייט, ווייל ער האָט שוין געהאַט פערזוכט דעם טעם פון „געהן אין פאָלק".

און גאָר מיט אַמאָל זענען נייע אויפגאַבען אַרויפגעשוואומען. נייע פאָדערונגען און נייע בעדערפנישען זענען אין דער יודישער מאַסע אויסגעוואַקסען אין דעם פרייען לאַנד. און דער יונגער ווינטשעווסקי, וועלכען גאָט האָט געבענשט מיט אַ צונג אין מויל, נויט אַ פעדער אין האַנד און מיט אַ פיהלענד האַרץ, האָט זיך גענומען צו בעפריעדיגען די אַלע פאָדערונגען.

ער האָט לאַנג געזוכט דעם וועג, ווי אַזוי צום פאָלק צוקומען. דאָס איז געווען יענע צייט, ווען אַלע „איזמוסען" האָבען זיך נאָך בשלום אונטער איין דאַך צוזאַמענגעלעבט.

און פאַר די נייע תורות — די תורות פון די נייע געטער — האָט ער אַ נייעם באַרג אויפגעשטעלט, פון וואַנען ער האָט זייער גרויסקייט און זייער מאַכט דעם פאָלק דערצעהלט. און אָבגעקלונגען האָט זיין שטים, ווי אַ קול פון אַ נביא צווישען דער יודישער מאַסע.

דאָס איז געווען די נאַאיווע, שענע צייט בת די יודישע צרבייטער־בעוועגונג האָט אָנגעהויבען אַרויסצושפּאָצען אין לאָנדאָן.

* *

*

און איצט — מיט 25—30 יאָהר שפּעטער — ווען מיר וואַרפען אַ בליק אויף מאָריס ווינטשעווסקי, זעהען מיר פאַר זיך איינעם פון די שענסטע פּערזענליכקייטען, וואָס די יודישע וועלט פערמאָגט.

וואָרום ווינטשעווסקי דער מענש, ווי ווינטשעווסקי דער כלל־טהוער; ווינטשעווסקי דער ליטעראַט, ווי ווינטשעווסקי דער דיכטער, איז תמיד אָריגינעל און איינגענאַרטיג.

און ווייניג מענשען האָבען מיר אין אונזער וועלט, וואָס זאָלען זיך אַזוי קאָנען אויסלעבען און זיעגען. און נאָך ווייניגער האָבען מיר אַזוינע, וואו דער „מענש“ זאָל ניט זיין דער היפך פון דעם „שרייבער“, און דער „שרייבער“ פון דעם — „כלל־טהוער“.

אַ דעמאָקראַט מיט'ן קאָפּ און מיט'ן האַרץ, איז ער דאָך פון תמיד אָן דער אַריסטאָקראַט אין דער בעוועגונג. ער איז דער פערביסענסטער געגנער פון דעם וואולגאַרען, שרייענדיגען דעמאָקראַטיזם, וואָס מאַכט די מאַסע פאַר אַ גאָט. דער שטענדיגער ליעבלינג פון דער יודישער מאַסע — האָט ער זיך קיינמאָל ניט אַ ר אָ ב ג ע ל אָ ז ע ן צו דער מאַסע, אַפילו דאַן, ווען די מאַסע האָט עס ג ע פ אָ ד ע ר ט. דער אמת'ער גוטער ברודער, דער פריינד און דער חבר, — איז ער דאָך תמיד פ ע ר ט י ע פ ט אין זיך. ער איז קיינמאָל ניט פאַרמיליער מיט דער גאַס, האָט זיין לעזער קיינמאָל אין פּלייצע ניט „געפּאַטשט“, קיינמאָל ניט געווען קיין „פּאַניבראַט“ מיט איהם און האָט איהם ניט געמאַכט קיין חנ'דעלעך... דער איבערציינגטער סאָציאַלדעמאָקראַט, וואָס האַלט שטייף און אייזען פון „מאַיאָריטעט־בע־

שלוסען" — איז ער שטענדיג אליין אין דער מינאריטעט. און אפט, זעהר אפט, איז ער אין דער אפאזיציע; ווארום ער ווייסט, אז דעמאגאגען נוצען־אויס צום שלעכטען די „מאיאריטעט"; דער „טרוקענער" סאציאל־דעמאקראט ווערט ביז טרערען גערירהרט פון יעדען קליין קינד, וואס ער טרעפט אין גאס. א פערטיל יאהרהונדערט איז ער אין די קלאסישע לענדער פון פראקטישקייט — איז ער תמיד מקפיד נית נור דערויף, וואס ער שרייבט, נור זאגאר וואו ער שרייבט.

און געלעבט האט ער תמיד דאס גייסט־רייכע לעבען פון רוסלאנד, דייטשלאנד, ענגלאנר און אמעריקא. תמיד אויף דער וואך צו יעדען נייעם געשעהעניש אין די דאזיגע פיער מדינות.

און נית קוקענדיג דערויף, וואס מאריס ווינטשעווסקי שטעהט שוין מעהר ווי א פערטיל יאהרהונדערט ביי איין שטענדער, האלטענדיג איין לאמטערן די גאנצע צייט אין האנד, איז ער קיינמאל פון זיין צייט נית אבגעשטאנען.

ער איז איינער פון די ווענינגע אין דער נייער וועלט, וואס האבען דורכגעמאכט די ענטוויקלונג פון דער יודישער פראלעטארישער אינטעליגענץ ביז'ן סוף.

און דאס איז כדאי צו אונטערשטרייכען. ווייל נית זעלטען טרעפט איהר צווישען די אלטע „עמיגראנטען־אינטעליגענטען" אין אמעריקא מענשען, וואס לעבען נאך אלץ אין מלך־סאבעצקי'ס צייטען; די רוסישע פרייהייטס־בעוועגונג, למשל, הויבט זיך ביי זיי אן מיט סאפיא פעראווסקא; טשערנישעווסקי איז נאך ביז היינטיגען טאג ביי זיי דער לעצטער רוסישער פוסק, און דער יודישער נאציאנאליזם ווערט נאך אלץ בעטראכט פונקט ווי אין דער אלטער, גוטער השכלה־צייט. א. א. וו. א. א. וו.

און ווינטשעווסקי איז איינער פון גאר די ערשטע, וואס האבען זיך בעפרייט פון די „קאסמאפאליטישע" פראזען. ער איז שוין געווען א יוד א סאציאליסט, בעת דער „בונד" איז נאך אויף דער וועלט נית געווען. און אין זיין שאפען דער לעצטער צייט, פיהלט זיך אלץ שטארקער א טיעפע בענקשאפט צו דער

פערוואָגעלטער און פערשטויסענער „כנסת־ישראל". אָבער די „כנסת־ישראל" האָט אויף אַ האָהר ניט אָבגעשוואַכט דעם סאָציאַליסט אין איהם. ווייל עס איז שווער צו זאָגען, וואו הויבט זיך אָן ווינטשעווסקי דער סאָציאַליסט און וואו ענדיגט זיך — דער יוד.

און אַזוי אויך אויסערליך.

אַ הויכע, שטאָלצע אַריסטאָקראַטישע פיגור, וואָס וויל זיך קיינמאָל ניט בויגען. אַ גוטמוטהיג אָפען פנים מיט אָפענע אויגען, וואָס גלעטען און קוקען גלייך אין אייערע אויגען אַריין, תמיד העפליך, און די העפליכקייט איז אַן איינפאַכע און אַ נאַטירליכע פון אַן אמת'ן דזשענטעלמען. קיינמאָל קיינעם ניט אָנטראָטען אויפ'ן היהנער־אויג, — סיידען יענער שפאַרט לכתחילה אונטער זיין פוס... און אַזוי ווי ער שרייבט, אַזוי רעדט ער: ער האַלט אַ קנויל אין האַנד און וויקעלט עס פונאַנדער.

דער יוד, דער אייראָפעער און דער אַמעריקאַנער האָבען זיך פעראייניגט אין איהם אין איין האַרמאָנישען גאַנצען. און דעריבער מאַכט ער אויף איינ׳ אַ שטאַרקען איינדרוק גלייך שוין פון ערשטען בליק אָן.

* *

*

מאָריס ווינטשעווסקי — דאָס איז דער סימבאָל פון דעם יודיי׳׳׳ן סאָציאַליזם, ריכטיגער — פון דעם סאָציאַליסטישען יודען, ער איז דער שעפפער און דער פאָהנען־טרעגער; ער איז דער „זיידע" פון דער יודישער ליטעראַטור אין דער נייער וועלט; ער איז דער ערשטער יודיש־פראָלעטאַרישער דיכטער; ער איז דער שעפפער פון דעם יודישען פעליעטאָן און ער איז דער אָריגינעלסטער יודישער סטיליסט אין אַמעריקאַ, ביי וועלכען פיעל יודיש־אַמעריקאַנישע שרייבער האָבען זיך שרייבען געלערנט...

און ווילענדיג־ניט־ווילענדיג איז ווינטשעווסקי געצוואונגען

געווען פונאַנדערצוואַרפען זיך, צו צוזאַמענקלייבען זיין טעהטיגקייט אויף די פערשיעדענסטע געביטען, ווייל דאָס פאָלק, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט אין מאַסען, האָט קיין פיהרער און וועגווייזער מיט זיך ניט געבראַכט. און די ווייניגע, די געצעהלטע, וואָס האָבען זיך געפונען, האָבען זיך געמוזט וואַרפען אויף אַלע זייטען.

און אין דעם פּרט איז דער גורל פון דעם עמיגראַנט־אינטעליגענט ווידער געווען פיעל שווערער, ווי דער גורל פון דעם יודישען אינטעליגענט אין רוסלאַנד. דורות נאָך דורות האָט זיך דאָרט יודישע לעבען אין רוסלאַנד ענטוויקעלט און יעדער דור האָט זיך זיינע פיהרער געבוירען און האָט זיי די ניט־פערענדיגטע פאָלקס־אַרבייט אין די הענד איבערגעגעבען. און ווי אָרים די כחות זענען ניט געווען, האָט דאָך יעדער פון זיי זיין פּלאַץ פערנומען, לויט זיין בערוף און לויט זיינע פעהיגקייטען. די ערשטע פּיאָנערען אין לאָנדאָן און אין אַמעריקאַ האָבען געפונען פאַר זיך אַן׳אונבעאַקערט פעלד און יעדער אינטעליגענט האָט זיך געמוזט נעהמען פאַר די פערשיעדענע אַרבייטען מיט אַמאָל.

און אָפטמאָל, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין די פערשיעדענאַרטיגע ווינטשעווסקיס, דוכט זיך מיר, אַז יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיין בעזונדער טראַגעדיע איבערגעלעבט: ווייל יעדער איינער בעזונדער האָט די איבריגע איינציגען געוואָלט.

ווינטשעווסקי דער ליריקער האָט זיך זעלטען געקאָנט פערגינען זיינע אייגענע געפיהלען און זיינע אייגענע שטימונגען צו בעזינגען, ווייל ווינטשעווסקי דער סאָציאַליסט האָט איהם תמיד אין אויער אַריינגערוימט: וועקען דאַרפסטו, טהו דיין פפליכט!

בעת ווינטשעווסקי האָט זיך גענומען זיין פעליעטאָן צו שרייבען, פלעגט זיך אין איהם דער ליריקער צעוויינען און דער הייסער סאָציאַליסט צו מוסר׳ן: נאָר פשוט לאַכען, גוטמוטהיג לאַכען לשם לאַכען — אַ צו גרויסער לוקסוס פאַר אַ יודיש־

פראָלעטאַרישען שרייבער!

און בעת ער האָט סאָציאַליזם מיט'ן מויל און מיט דער פעדער געפּרעדיגט, פלעגט גאָר אונערוואַרטעט דער יוד אַרויסטרעטען און גאַנץ דרייסט און מוטהיג וועגען זיך הערען געלאָזט...

און אַזוי האָבען די פערשידענע ווינטשעווסקעס אַ שטענדיגע מלחמה געפיהרט פאַר דער בכורה. יעדערן בעזונדער האָט זיך געוואָלט בן־יחיד זיין. און ווער ווייסט, פיליכט איז איינער פון זיי שטאַרק געדעלט געוועז.

און דאָך, נאָך אַלעמען, זעהען מיר אַ מערקווירדיגע איינהייטליכקייט און גאַנצקייט אין דעם שאַפען און ווירקען פון מאָריס ווינטשעווסקי. ער איז קאָנזעקווענט פון אָנהויב ביז'ן סוף, ווייל דאָס גאַנצע לעבען איז געווידמעט געוואָרען דעם יודישען ארבייטער, אָדער ריכטיגער, דעם יודען און דעם אַרבייטער; ווייל תמיד איז דער יוד, דער אונטערדריקטער און דער געפאַלענער, פאַר זיינע אויגען געשטאַנען.

ער האָט פאַר איהם גערעדט, פאַר איהם געשריבען און פאַר איהם געדיכטעט.

און אַ צאַרטע מוטערליכקייט בעשטראַהלט און בעח'נ'ט די אַלע פערשידענע טהעטיגקייטען זיינע.

אברהם ליעסין (וואלט)

געקומען איז ליעסין קיין אמעריקא אין יענער צייט, ווען דער סאציאליסט האט געפיהרט דאס גרויסע ווארט אין דער יודישער אמעריקא. די טרויעריגע היסטארישע מחלוקה אין סאציאליסטישען לאגער אין אמעריקא האט זיך אפילו שוין געהאט צופלאקערט, אבער דער ענטוזיאזם און די אמונה, אז היינט־מארגען און דער יודישער קווארטאל וועט שטעהן ביי דער שוועל פון דער „סאציאלער רעוואלוציע", האט נאך אלץ בעלעבט און בעגייסטערט די גרויסע מאסען.

פאר א מענשען, וואס איז צו יענער צייט געקומען קיין אמעריקא ניט נור מיט דעם איינציגען בעגער זיך „ארויפצואר־ביימען", צו „מאכען" דעם דאלאר, — איז אויסערהאלב דער בעוועגונג קיין פלאץ ניט געווען. בפרט, אז ליעסין איז נאך אין דער־היים שוין געווען פראפאגאנדיסט, אונדאס איז ער געווען נאך אין יענער צייט, ווען פון א יודישער בעוועגונג איז אין רוסלאנד קיין שפור ניט געווען, עס פער־שטעהט זיך, אז דער טרוימעריש־פער'חלום'טער ליעסין האט זיך איבערגעגעבען דער בעוועגונג.

און אין גיכען נאָך זיין קומען איז ער געוואָרען דער ריכטער פון דער בעוועגונג, זיינע פייערדיגע אַרטיקלען האָבען צום קאַמפף גערופען, אָבער די דאָזיגע אַרטיקלען האָבען אויך אויסער דעם אַ בעדייטענדען ליטעראַרישען ווערטה, ווייל דאָס זענען געווען פונקען און בליצען, געוואָרפען פון אַ דיכטער-פעדער, וועלכער האָט זיך אין אַ נייער וועלט פערליעבט, און גערעדט האָט ער צו דער דאָזיגער וועלט מיט דער שפּראַך פון דעם געליעבטען, וואָס מענשען האָבען זיין געליעבטע פון איהם גערויבט. דאָס איז געווען אַ וועה-געשריי פון אַ טרוימער, וואָס לעכצט נאָך זונענשיין און זעהט צו, ווי דער דלות און די נויט האָבען דעם הימעל פער'חושכ'ט.

די יודישע סאָציאַליסטען אין אַמעריקאַ צו יענער צייט זענען געווען „יודיש-שפּרעכענדע" יודען און ניט מעהר. אין דעם איז בעשטאַנען זייער גאַנץ יודישקייט. דער גייסט פון אַסימיליאַציע און קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געהערשט אין דער דעמאָלדיגער בעוועגונג. דאָס וואָרט נאַציאָנאַליזם איז געווען ממש אַ שרעקענסוואָרט. ווען אַ פרומער גענאָסע זאָל חלילה דערמאָהנען דאָס דאָזיגע „אַפּיקורסי'שע" וואָרט, איז ער אין געפאַהר געווען, אַז מען זאָל איהם חושד זיין אין כפירה. און ליעסין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט אָפען צו לאָזען הערען פון זיין יודישקייט, ער האָט זיינע יודישע איבערצייגונגען תמיד אונטערשטריכען. און אַדאַנק זיין ווירקונג און זיין איינפלוס. זענען פיעל פון די „קאָסמאָפּאָליטישע" סאָציאַליסטען — יודען-סאָציאַליסטען געוואָרען.

דער דיכטער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אַיינשליסען אין די פיער ווענדען פון דער בעוועגונג. ליעסין האָט געשריבען פיעל אַלגעמיינע אַרטיקלען און האָט זיינע לירישע ליעדער געשאַפען. און ווען איהר לעזט ליעסינ'ס לירישע געדיכטע, בע-

וואונדערט איהר, ווי גליקליך דער פאָעט האָט זיך אינגאַנצן בעפרייט פון דעם סאָציאַליסט.

און גאָר אַנ׳אַנדער ליעסין ערשיינט פאַר אייך, אַ פּער־חלומ׳טער און שטימונגס־פולער, ווי דער בין־השמשות. אַ מאָד־נע רוהיגקייט און פערטראַכטקייט פליסט פון יעדען לירישען שיר זיינעם. און ווען איהר ווייסט דערביי, אַז דערזעלבער ליעסין האָט, דאַכט זיך, ערשט געשריבען אַ טעמפּעראַמענטפולען אַר־טיקעל אויף אַ צייט־פראַגע, אויף אַ ברויט־פראַגע, דערמאָנט איהר זיך ווילענדיג־ניט־ווילענדיג אָן דער אַלטער פראַזע: „צוויי זעעלען אין איין גוף“.

נור, איבעריגענס, עס איז ניט מיין אויפגאַבע אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל צו גלידערן ליעסינ׳ס פיעלפאַכען שאַפען. עס מוז אָבער אַגב געזאָגט ווערען, אַז ווען דער רוסיש־יודישער לעזער, וואָס האָט געלייענט איינינגע פון ליעסינ׳ס אַרטיקלען און פון זיינע פּריוואַטס־לידער, וועט ערהאַלטען ליעסינ׳ס געזאַ־מעלטע שריפטען, וואָס הויבען איצט אָן צו ערשיינען אין ניו־יאָרק, וועט ער בעקומען גאָר אַנ׳אַנדער פאָרשטעלונג, אַ רייכע־רע און פיעל פאַרביגערע, סיי פון ליעסין דעם פּובליציסט און סיי פון ליעסין דעם דיכטער.

* *

*

טעג און יאָהרען זענען פערלאָפען און די „סאָציאַלע רע־וואָלוציע“ איז נאָך אַלץ ניט געקומען אין דעם יודישען קוואַר־טאַל אין ניו־יאָרק... האָפנונגען שענע און נאַאיווע זענען פער־וועלקט געוואָרען. דער מאַסען־ענטוזיאַזם און דער עקסטאַז זע־נען שוין לאַנג פערשוואונדען, און ליעסין? — דערזעלביגער ליעסין. די וועלט, דאַכט זיך, די צייטונגס־וועלט, איז שוין לאַנג קליגער געוואָרען. מען בעטראַכט שוין דאָס געדרוקטע וואָרט ניט מעהר ווי אַ מלאכה, וואָס פאָדערט „הענד“ — אַר־ביטס־הענד. און ער, דער שטענדיגער מיטאַרבייטער [illegible]

גרויסער טעגליכער צייטונג, „מיט אַלע מאָדערנע „אימפּרוואַי־
מעטס". (איינפיהרונגען בכל"ע), איז נאָך אַלץ מדקדק, ווי אין
די אַלטע גוטע צייטען אויף אַנ׳איבעריג וואָרט, אויף אַנ׳איבער־
ריג פּינטעל אין אַרטיקעל.

און ווען איהר קענט ניט גוט ליעסינ׳ען און איהר זעהט,
ווי ער בעצידהט זיך צו זיין שרייבען, ווי ער מעסט און וועגט
יעדעס וואָרט זיינס, קאָנט איהר טראַכטען, ווי גאַאיוו איז דער
מענש...

און נאָכמעהר קאָן אייך אויסקומען משונה אַט דער דאָזי־
גער ליעסין, ווען איהר דערוויסט זיך מיט אַמאָל, אַז ליעסין
האָט אויף אַ צייט אויפגעהערט צו שרייבען, ווייל... ווייל זיי־
נער אַנ־אַרטיקעל, למשל, איז געווען געדרוקט אין צייטונג
בשכנות מיט ניט גאָר קיין בכבודי׳גען מאמר... און אַט דער
ליעסין, דאַרפט איהר וויסען, איז ווייט ניט קיין ראָקפעלער...

דאַכט זיך, אַזוי פיעל יאָהרען אין אַמעריקאַ און אַלץ
דערזועלבער פער׳הלומ׳טער טרוימער...

אפילו זיינע צייטונגע־אַרטיקלען שרייבט ער נור, ווען ער
איז אין דער ריכטיגער שטימונג. צייטונגס־אַרטיקלען און שטי־
מונג, ווי געפעלט אייך אַזאַ מין גראַם?...

און אַזוי לעבט זיך דער מענש פונקט ווי אין די אַלטע
צייטען, ווען דער יודישער קוואַרטאַל איז געזעסען, ווי די יודען
פאַר יציאת־מצרים, מוכן ומזומן מיט האַק און פּאַק און האָט
געוואַרט פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה אויף דער
„סאָציאַלער רעוואָלוציע", וועלכע האָט געזאָלט קומען גלייך אין
יודישען קוואַרטאַל אַריין...

אָט זיצט ער זיך אַ זייגער צוויי ביי דער נאַכט אין שלום׳ס
קאַפע (די קאַפע פון ליטעראַטען אין ניו־יאָרק) אַנ׳אויפגערעג־
טער. באשר וואָס? — מען דרוקט אין זיין צייטונג אַזאַ „ראָ־
מאַן", אַזאַ „אַרטיקעל", אַזאַ „קריטיק"... ער קאָן זיך נאָך
אַלץ ניט צוגעוועהנען...

און אויפגערעגט ווערט ער סיסטעמאַטיש, ווייל פאַר אַזאַ
מין ליעסין איז פאַראַן פון וואָס אויפגערעגט צו ווערען, און

דער, וואָס ווייסט ניט די סבה, קאָן זיך טראַכטען דער־
ווי קרײנקליך אין דער מענש.

און אָפּטמאָל, ווען ליעסין איז אין געהויבענער שטימונג,
חלומ'ט ער פון יענער צייט, ווען ער וועט אינגאַנצען אוועק
פון דער פּובליציסטיק, וועט בלייבען אַליין מיט זיך און
דיכטען, דיכטען, דיכטען...

איינער פון די אייביגע טרוימער!

אין בוכהאנדלונג. „תושיה"

ווארשא, נאלעווקי, איוואנאווסקי באזאר 1

טעלעפאן **31-59** (געגענאיבער קראסינסקי'ס גארטען)

אונטער דער לייטונג פון א. גיטלין.

געפינט זיך שטענדיג אויף לאגער א גרויסער אויסוואהל פון די נייסטע אויך פון אלטע ליטעראטור פון אלע פערלאגען, ווי אינלענדישע זא אויסלענדישע אין פערשידענע שפראכען. ווי העברעאיש, אידיש, אידיש=רוסיש, אידיש=דייטש (יודאיקע). א ספעציעלער זעהר גרויסער אויסוואהל פון קינדער=ליטעראטור פון אלע פערלאגען.

אין בוכהאנדלונג „תושיה" קען מען צו יעדער צייט בעקומען פערשידענע געשאנקען (מתנות) ווי פאר קינדער אין עלטער פון **5—6** יאהר, זא פיר עלטערע מענשען און פראכט בענדער, אין פערשידענע שפראכען צו בילינע פרייזען. און בוכהאנדלונג „תושיה" געפינט זיך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע אידישע נאטען פיר פיאנא און פידעל, אויך **64** מוסט. פאסט-קארטען טעקסט מיט נאטען פיר פידעל, פיאנא און זינגען צו **3** קאפ.

אין בוכהאנדלונג „תושיה" איז שטענדיג צו בעקומען א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע אידישע פיעסען (טעאטער שטיק) אפערעטקעס, דראמען פון אלע נייעסטע אויך אלטע אויסגאבען אינלענדישע און אויסלענדישע אויך צענזורקעס פון אלע פיעסען אויך נאטען פיר כאר און ארקעסטער צו בילינע פרייזען.

אין בוכהאנדלונג „תושיה" געפינט זיך דער גרעסטער אויסוואהל פון לעהרעביכער (ספרי חנוך) אין אלע שפראכען פון אלע פערלאגען.

אין בוכהאנדלונג „תושיה" געפינט זיך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע אידישע און אלגעמיינע פאסט-קארטען (ווידאקען) אויך גרויסע און קליינע וואנד-בילדער ספעציעל אידישען אינהאלט פון **30** קאפ. ביז **4** רובל פער שטיק אויך איז ביי אונז צו בעקומען (ספרי רומיל), ווי סדורים אין פראכט בענדער געשאנקען פיר כלות און איינפאכע סדורים, אויך חומשים עשרים וארבע, ש"ס בכרך אחד מיט רש"י, מחזורים פערשידענע מיט איבערזעצונג אין פערשידענע שפראכען, אלס וואס אנבעלאנגט צום מסחר פון ספרים איז ביי אונז צו בעקומען פון די שעהנסטע צו בילינע פרייזען.

זעהר וויכטיג פיר צייטונגס=פערקויפער! אלע אידישע פעריאדישע אויסגאבען וועלכע ערשיינען נור איז ביי אונז צו בעקומען צו די בילגסטע פרייזען.

אין בוכהאנדלונג „תושיה" ווערט אנגענומען אבאנענטען און אנאנסען כמעט אויף אלע צייטונגען, בוכהענדלער, ביבליאטעקען, און לעהרער בעקומען גרויס ראבאט. מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книж. Магаз. Э. ГИТЛИНА, Варшава Налевки,

Ивановскій Базаръ № 1.

היטעט אייער געזונד!

עס איז ערשיענען פון דרוק **5** טהייל „זייט געזונד" פון ד"ר מ. גאטליעב זעהר נוצליכע וויסענשאפטליכע ביכער פיר יעדען הויז, ווי א זוי אוים צומיידע פערשידענע קראנקהייטען און אויך ווי אזוי זיך זעלבסט צו היילען.

1טער טהייל:	די ערשטע הילף ביז דער דאקטער קימט.	30 קאפ.
2 " "	סיכאטע (שווינזיכט).	25 "
3 " "	מאגען און געדערם קראנקהייט.	40 "
4 " "	מענער קראנקהייט (סעקרעטנע ווענערישע)	40 "
5 " "	נערווען קראנקהייט	15 "

פרייז פיר אלע **5** טהייל צוזאמען **1,50** ר' מיט פארטא. האנדגעלד קאן מען אויך אין פאסט=מארקען שיקען. בוכהענדלער און צייטונגס=קאנטארען גרויס ראבאט. מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען: